# קרית ברסלב בלעטל

שנה ה' נומער 256 פרשת תרומה · תשפ"ה

- **וועלטליכע נייעס:** די ערשטע פיר וואכן מיטן נייעם פרעזידענט
- **שפיגל:** דער פיפיגער זומפ
- **געדאנקען:** דאס איז מיין תורה
- **קוק אהער:** ווער האט דאס געשריבן?

# משנכנס אדר מרבין בשמחה



לכבוד דעם פרייליכן חודש אדר ליינט נייעס, ארטיקלען, און פארשטייט זיך פרייליכע וויצן וואס וועט אייך דערפרייען און געבן א שמייכל אויפן פנים!

פרשת תרומה תשפ"ה • 256

**רעדאקטאר**
אברהם הערש וועבערמאן
**רעדאקציע**
משה ארי' שניטצלער
גרשון קרעמער
אהרן קליטניק
ישראל דוד העסקעל
שמעון עוזר פערל
יואל שניצלער
אברהם יצחק אייזנער
ל. וועבערמאן
מ. פאפנהיים
ח. פ. וועבערמאן
ל. סאקס
ש. טראכטער
**ניקוד**
יודא לייב ווייס
**גראפיקס**
ישראל העסקעל
דאמינאו גרופ
**קינדער אפטיילונג**
שמואל בער שניטצלער
**מעלערס**
יחיאל בלאיש
ר. קרוק



צו אדווערטייזן אדער אריינשיקן בריוו,
קאמענטארן און ענטפערס:
845-379-1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com
דעדליין אריינצושיקן עדס איז זונטאג 1:00

צו באקומען די קרית ברסלב בלעטל:
אויף פאסט:
718.387.2691
Subscribe@kerenhadfusa.org

אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Breslevcenter.com
Gilyoines.com

ארץ ישראל:
053.315.6938

קול ברסלב:
212.444.9191
א"י: 0797040066

אידישע שטוב:
212.444.9169
א"י: 0797040069



## קויפן אייער אין גוי'אישע געשעפטן?
18



## פורים פארשטעלאכטס
43



## צום שמייכלען
52




פנינים 6
מעשיות פון תפילה 16
ברסלב'ע שטוב 27
קינדער בלעטל 45


## זמנים
תרומה א' אדר

הדלקת הנרות . 05:30
מוצאי שבת ..... 07:01

**מנחה מעריב**
**פרשת תצוה 6:45**










בחור
כהלכה
מ. י. ט.
ר"ת
משה יוסף טייטלבוים
מ. י. ט.
רש"י
בר מצוה ספעשל
$299
מ׳קען זיך אויסוועלן סיי וועלעכע וועלוועט און סיי וועלעכע קאליר אויף דער דיזיין
CUSTOM
SHOWROOM
917-474-6118
BORO PARK:
4529-16TH AVE.
BROOKLYN NY 11219
WILLIAMSBURG:
187 RODNEY STREET
BROOKLYN NY 11211
LIBERTY:
10 School St.
By appointment only, Ext.3
*sruliHeskel

# יעדער ברענגט און אלק'ל

פאר׳ן כולל.

אנשי שלומינו איבער די גארער וועלט נעמען אנטייל אינעם גראנדיעזן אפיעל, זייענדיג מקבל אויף זיך צו גיין נאך געלט בימי הפורים הבעל"ט און ארייןברענגען טויזענט דאלער פאר אונזער כולל. אונזער מקום תורה. אונזער שטאלץ.

די שכר פון די לומדי תורה וואס זענען מקיים דעם 'כי הם חיינו ואורך ימינו' איז אין לשער, **דורכן שטיצן דעם כולל איז זיין תורה געווארן דיינס.**

# זיי ארבעטן, און די תורה פון די לומדי הכולל גייט פאר זיי.

זיי זענען זיך מקבל צו ברענגען אן אלף׳ל פארן כולל בימי הפורים הבעל״ט

אברהם חיים וויזל
אברהם צוויבל
אייזיק ראטה
אלי׳ זעלקאוויטש
אליהו ציג
אנשיל ראזנער
אהרן לונגער
אשר קרויס
בנציון ברוין
בערל שניטצלער
דוד ניישטיין
דוד דייטש
דוד פוקס
וואלווי שטערן
זלמן לייב מייזליש
זעליג שפילמאן
חיים דוד ראזנבערג
חיים וואלווי זעלקאוויטש
חיים ישעי׳ דעפריז
חיים שלמה טויסיג
יואל טייטלבוים
יואל משה פליישמאן
יואל נחמן גלויבער
יואל ראטנבערג
יואל אפנהיים

יואל לאנדא
יואל פעדער
יודי אייזנער
יודל איינהארן
יודי פריינד
יודל ווערצבערגער
יודל פעלדמאן
יוסף יאקאבאוויטש
יוסף פעלדמאן
יוסף בריליל
יוסף מאיר שטיין
יושע איינהארן
יושע סופר
יענקי איידליס
יענקי האלפערן
יעקב מייזליש
יצחק אייזיק ראטה
יצחק ראזנבוים
ישראל חיים זילבער
ישראל מאיר ראטנבערג
מאטי ראזנבערגער
מנחם שטיינבערג
מנשה איצקאוויטש
מענדי שארף
מרדכי אהרן היילפרין

משה ארי׳ לעווי
משה גאטליעב
משה נחום בערגער
משה שארף
נח הערש ווייס
נחמי׳ דייטש
נחמן נתן בוים
סיני ברוך אייזיקאוויטש
עזרא בוים
ראובן בירנבוים
רפאל פורסט
שאולי גאנץ
שימי גאנצפריעד
שלומי אפעלדארפער
שלומי וויינבערגער
שמואל מרדכי שטערן
שמילי אייכנשטיין
שמילי גליקמאן
שמעון ניישטיין
שמעון עוזר גרינפעלד
שמעון עוזר מיטלמאן
שמעון ראבינאוויטש
שמשון הערש טייטלבוים


רוף אן דער מנהל הכולל **מו״ה**
**משה ארי׳ שניטצלער הי״ו** און
זיי דיך מקבל אן אלף׳ל, און די
תורה פון די לומדים איז דיינס.

347.585.6166


כולל היכל הקודש
בנשיאות הראש ישיבה שליט״א

dominogrp.com

# פנינים

## בין אדם לחבירו

דער ראש ישיבה איז אונז שטענדיג מחזק אויף בין אדם לחבירו, אין די בריוון און אין די דרשות פארלאנגט דער ראש ישיבה מיר זאלן לעבן בשלום און מיט ליבשאפט צווישן מאן און ווייב, מיט די קינדער, מיט משפחה, מיט שכנים, מיט די חברים, און אזוי ווייטער. דער ראש ישיבה שליט"א שרייבט בזה הלשון: דאס איז מיין תפלה טאג איין טאג אויס, "הייליגער באשעפער, העלף מיר זאלן זיך ליב האבן, מיר זאלן זיך ליידן איינער דעם צווייטן, אלע אידן זאלן זיין ווי איין משפחה".

און ווי דער ראש ישיבה ברענגט כסדר אין די בריוון וואס מוהרא"ש זכותו יגן עלינו פלעגט אלץ זאגן: "מען קען זיך נישט פארשטעלן צו וואס פאר א מדריגות דער רבי וועט אונז צוברענגען אז מיר וועלן זיך האלטן באחדות, אז מיר וועלן זיך ליב האבן".

צווישן די שטארק נושאים פון בין אדם לחבירו רעדט דער ראש ישיבה כסדר איבער נישט צורירן א צווייטנ'ס געלט און חפצים אן רשות, און ווודאי נישט נכשל ווערן אין גניבה וגזילה, באצאלן חובות, דער ראש ישיבה לערנט אונז זייער אכטונג צו געבן אויף יענעמ'ס געלט, ווי הארב דאס איז, און אז דאס קען צוברענגען צו די שווערע עונש פון גלגול רחמנא לצלן.

דעם פארגאנגענעם ליל שישי פרשת משפטים, תשפ"ה האט דער ראש ישיבה דערמאנט דעם זוהר הקדוש (פרשת משפטים, דף צד): "אִלֵּין אִינּוּן סְדּוּרִין דְּגִלְגּוּלָא", אז זייער אסאך מאל האבן די ענינים פון פרשת משפטים - וואס קענען צומאל אויסזען זייער וואונדערליך און אומפארשטענדליך - צוטון מיט גלגולים, און דער ראש ישיבה האט דערציילט א מעשה וואס האט זיך אפגעשפילט צווישן דעם הייליגן בעל שם טוב הקדוש זכותו יגן עלינו, און זיין גרויסער תלמיד, דער הייליגער מעזריטשער מגיד זכותו יגן עלינו, די מעשה ווערט אראפגעברענגט אין שיחות מוהרא"ש חלק יא, ערך גלגול.

מוהרא"ש האט דערציילט, איינמאל האט דער הייליגער מגיד פון מעזריטש זכותו יגן עלינו געבעטן פון זיין רבי'ן, דער הייליגער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו, ער זאל אים זאגן פשט אין די אויבנדערמאנטע ווערטער פון זוהר הקדוש, און וואס זענען די סודות הגלגול? האט אים דער הייליגער בעל שם טוב געזאגט ער זאל פארן צו א געוויסע וואלד און ער וועט זען דארט א בוים, וואס עס פליסט צו איר זייט א קוואל וואסער, ער זאל זיך דארט באהאלטן אויף א בארג אונטער א פעלזן שטיין און ער זאל זיך גוט צוקוקן צו וואס עס גייט פאסירן, אבער ער זאל זיך נישט אויפשטעלן פון זיין באהעלטעניש און זיך גארנישט אנרופן, און סוף טאג זאל ער צוריק קומען און ער וועט אים ערקלערן וואס ער האט געזען.

דער מגיד האט אזוי געטון, ער איז געפארן צו יענעם ארט און זיך פארשטעקט הינטער א גרויסן פעלזן שטיין און זיך אנגעשפיצט די אויגן און אויערן מיט צו האלטן וואס גייט דא פאסירן און דאדורך לערנען א פרק אין סוד הגלגול.

פלוצלונג זעט ער פון זיין באהעלטעניש ווי א חשוב'ער שר קומט צו גיין אויף א פערד באוואפנט מיט געווער, זייענדיג מיד און אויסגעמוטשעט האט ער זיך אוועקגעזעצט אונטערן בוים, ער האט געגעסן אביסל און געטרינקען און זיך ארויסגעלאזט ווייטער אויף זיין וועג, אבער פון גרויס איילעניש צו פארן ווייטער האט ער דארט איבערגעלאזט א בייטל מיט געלט.

נאך א קורצע צייט איז אנגעקומען צו דעם ארט א צווייטער מענטש, און אזוי ווי דער שר, האט ער זיך אויך אפגערוט און זיך דערקאפט דאס הארץ אויף דעם זעלבן פלאץ, פלוצלונג באמערקט ער דעם בייטל מיט געלט וואס דער שר האט דארט איבערגעלאזט, ער האט דאס גענומען פאר זיך און געגאנגען ווייטער אויף זיין וועג.

אביסל שפעטער - זעט דער מגיד - ווי עס קומט אן דארט א מענטש, א דערשלאגענער ארעמאן, ער איז אויך געווען מיד און זיך אראפגעזעצט אונטערן בוים זיך צו דערכאפן דאס הארץ פון זיין וועג, ער האט געגעסן זיין טרוקענע ברויט און געטרינקען פונעם קוואל, און זיך אנידערגעלייגט כאפן א דרימל.

פלוצים איז צוריקגעקומען דער שר וואס האט פריער אין טאג איבערגעלאזט דארט דעם בייטל מיט געלט, ער וועקט אויף דעם ארעמאן און פרעגט אים: "וואו איז מיין געלט?" און דער ארעמאן האט נישט געוויסט וואס ער רעדט, און ער האט אים געענטפערט אז ער ווייסט נישט פון וואסערע געלט ער רעדט, ער ווייסט נישט פון קיין בייטל צו זאגן, און דער שר הייבט אים אן שלאגן מכות רצח, ער האט אים אנגעקלאפט די ביינער, ביז ער האט זיך איבערצייגט אז ער ווייסט

## שיחות, זכרונות און אנעקדאטן

**יואל שניצלער**

טאקע נישט פון זיין בייטל מיט געלט צו זאגן, האט ער אים איבערגעלאזט דארט צעביילט און פארוואונדעט פון קאפ ביז פיס.

דער הייליגער מגיד האט דאס אלעס צוגעזען אבער ער האט לויט די באפעל פון זיין רבי'ן זיך גארנישט געטארט אנרופן. ביז עס איז אנגעקומען די צייט וואס דער בעל שם טוב האט אים געזאגט אז ביז דעמאלט זאל ער זיך דארט פארזוימען, און ער איז צוריק געקומען צו זיין רבי'ן, דער הייליגער בעל שם טוב.

ווען ער איז אנגעקומען צום בעל שם טוב האט אים דער בעל שם טוב באגריסט און אים געפרעגט: "וואס האסטו געזען?" און דער מגיד האט דערציילט וואס ער האט בייגעוואוינט די לעצטע פאר שעה, האט אים דער בעל שם געזאגט אז ער וועט אים ערקלערן אלץ וואס האט דא פאסירט.

און דער בעל שם טוב דערציילט: "דער ערשטער מענטש, דער שר - איז אינעם ערשטן גלגול שולדיג געווען פאר א מענטש א געוויסע סכום געלט, געווי די זעלבע סכום וואס איז געווען אינעם בייטל וואס ער האט פארלוירן, אבער ער האט דאס יענעם נישט געוואלט באצאלן, זענען זיי געקומען צו דין תורה צום דריטן מענטש, וואס איז געווען א רב און א דיין, און דער שר האט אים געגעבן שוחד, צוליב דעם האט ער נישט אזוי גוט דורכגעטון די טענות און ער האט גע'פסק'נט לטובת דעם שר, און דער שר האט נישט באצאלט דאס געלט פארן מלוה.

איז יעצט אין דעם גלגול האט דער ערשטער באצאלט דעם חוב פארן צווייטן, דורכדעם וואס ער פארלוירן דעם בייטל און דער צווייטער - וואס די געלט איז באמת געווען זיינס - האט דאס געטראפן און גענומען פאר זיך, און דער דיין וואס האט גענומען שוחד און גע'פסקנ'ט נישט ריכטיג, האט אין דעם גלגול באקומען זיין עונש אז ער איז געווארן אן ארעמאן, און ער האט געכאפט קלעפ פון דער ערשטער מענטש, וואס האט אים געגעבן שוחד, קומט אויס אז אלעס אויף דער וועלט פירט זיך ביושר און מיט א גערעכטע חשבון".

און דער הייליגער בעל שם טוב האט אויסגעפירט, אז דאס איז פשט פון די ווערטער פונעם זוהר הקדוש, אז אין פרשת משפטים זעט מען די סוד פון גלגול, ווייל דער אייבערשטער דרייט אלעס אויף

> דער אייבערשטער דרייט אלעס אויף אזא וועג אז אלעס זאל ווערן פארראכטן דורך די פארשידענע גלגולים.

אזא וועג אז אלעס זאל ווערן פארראכטן דורך די פארשידענע גלגולים, עד כאן.

דער ראש ישיבה האט אויסגעפירט אז די מעשה איז א שטארקע חיזוק אין אמונה, צו גלייבן אז אלעס וואס פירט זיך מיט א מענטש איז פינקטליך אויסגערעכנט, און מיט א פינקטליכע חשבון.

עס איז מערקווירדיג אז א מעשה ענליך צו דעם אויבנדערמאנטן מעשה ווערט שוין געברענגט אלס א 'מדרש' אין עטליכע ספרי ראשונים כמלאכים, די בעלי תוספות על התורה, מיר וועלן דא נאכברענגען די מעשה ווי אזוי עס ווערט אראפגעברענגט אין ספר מושב זקנים על התורה, פרשת משפטים, אויפן פסוק "והאלקים אנה לידו".

ווען משה רבינו האט געבעטן דעם אייבערשטן (שמות לג, יג): "הודיעני נא את דרכיך", באשעפער ווייז מיר דיינע וועגן, האט אים דער אייבערשטער געזאגט "קום ארויף צו מיר אויפן בארג". ווען ער איז ארויפגעקומען אויפן בארג האט ער געזען ווי א מענטש קומט טרינקען וואסער ביי א קוואל, און ער האט אראפגעלאזט דארט א בערזל מיט געלט, נאכדעם איז ער געגאנגען ווייטער אויף זיין וועג. דערנאך איז געקומען א צווייטער מענטש צו דעם קוואל, ער האט געטראפן דעם בערזל און דאס גענומען פאר זיך, נאכדעם איז דער ערשטער מענטש צוריק געקומען זוכן זיין בערזל און ער האט געטראפן דארט א מענטש זיצן ביים קוואל, האט ער אים געזאגט: "דו האסט גענומען מיין בערזל? גיב עס מיר צוריק!" האט אים יענער געזאגט: "איך האב עס נישט גענומען, איך ווייס נישט וואס דו ווילסט", האט אים יענער גע'הרג'עט..

ווען משה רבינו האט דאס געזען האט ער זיך זייער געוואונדערט, און ער האט געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל אים ערקלערן וואס דא האט פאסירט, האט אים דער אייבערשטער געזאגט: "אלעס וואס דו האסט געזען איז אמת, דער ערשטער מענטש וואס האט איבערגעלאזט דעם בערזל האט דאס גע'גנב'עט פון דעם צווייטן וואס האט דאס געטראפן און גענומען, און דער וואס איז גע'הרג'עט געווארן, האט גע'הרג'ט דעם רוצח'ס טאטן, און איך האב צוגעפירט אז די אלע זאלן זיך טרעפן אויף איין פלאץ", ע"כ.

קומענדיגע וואך וועלן מיר בעז"ה ברענגען אלס המשך אן אומבאקאנטע מעשה וואס האט זיך אפגעשפילט מיט א קנאפע הונדערט דרייסיג יאר צוריק, וואס איז לעצטנס נתגלה געווארן, ווי א נשמה איז געקומען אין חלום צו זיינע קינדער זיי זאלן אים א טובה טון איבער אן אומשולדיגע חוב וואס ער איז שולדיג געבליבן.

# היכל הקודש נייעס



**קרית ברסלב**

## מכון עצתו אמונה נעמט שוין אן בריוו דורך די פאסט

ווען דער געטרייער חבר הנהלה מו"ה יואל הכהן ראזענבערג הי"ו האט געבעטן דעם ראש ישיבה אז ער וויל צולייגן א נייע אפציע פאר אנשי שלומינו צו קענען פרעגן שאלות, כדי דער ראש ישיבה שליט"א זאל עס קענען ענטפערן, האט קיינער נישט גע'חלומ'ט ווי ווייט עס וועט אנקומען. מען האט געמיינט אז עס וועט קומען עטליכע שאלות דא און דארט, און מיט דעם איז עס פערטיג. למעשה ווען די בריוו זענען ארויס אויף דער וועלט האט עס געשלאגן ווארצלען גאר ווייט, די זיסע ענטפערס קולע אל השערה, תורה'דיג פראקטיש האט געטון דאס זייערע און האט זיך פארשפרייט אויף די גאנצע וועלט, און היינט צו טאגס קומען אריין הונדערטער בריוו יעדע וואך, מיט שאלות און ספיקות אין אלע אספעקטן פון לעבן.

גאר אסאך פון זיי איז דער ראש ישיבה דער איינציגסטער אדרעס וואס אקצעפטירט בכלל אזעלכע שאלות, און דער ראש ישיבה שליט"א ענטפערט פילע פון די בריוו, עד מקום שידו מגעת על פי דרך התורה והיראה, נאך פון די פריערדיגע צדיקים זי"ע, און ווער עס האט נאר פרובירט די זיסע לעבן האבן געזאגט געניסט פון אירע געשמאקע פירות יעדן טאג.

אנגעהויבן האט זיך עס פון א קנעפל אויפן וועבסייט, וואס גייט נאך אן ביז היינט, און מען קען פרעגן א שאלה פונעם ראש ישיבה שליט"א דורך די וועבסייט אויף די בריוו בלאט און דרוקן אויף "פרעג א שאלה".

אבער נאכדעם וואס עס איז אריינגעקומען פילע בקשות פון אידן וואס האבן נישט קיין צוטריט צו קיין קאמפיוטער, אבער ווילן אויך קענען שיקן שאלות, האט דער ראש ישיבה צוגעשטימט אז מען קען עפענען א פאסט אפיס באקס, ווי מען וועט קענען אריינשיקן פאפירענע בריוו.

דער אדרעס פונעם פאסט באקס איז:

Mechon Atzusoi Eminu
PO Box 646 14 Chestnut St.
Liberty, NY 12754

די פאסט פונעם פאסט קעסטל וועט בעזרת השם ווערן אפגענומען כסדר, און וועט ווערן איבערגעבן פאר'ן ראש ישיבה שליט"א, וואס וועט בעז"ה ענטפערן אויפן שאלה.

אז מען רעדט שוין פון די עצתו אמונה בריוו, האט אויך דאס באקומען א שטיקל חידוש אין די לעצטע וואכן, דהיינו אז מען פארקויפט א "זכות מהדורה" פון די וואך. דער געדאנק איז ארויפגעברענגט געווארן דורכ'ן גבאי צדקה פונעם מכון, מו"ה שמואל אייכענשטיין הי"ו, וואס האט געזאגט אז מענטשן ווילן געבן געלט, אבער זוכן א כלי צו שפירן אז מען געבט עס פאר א זאך, האט מען דעריבער איינגעפירט אז מען קען אפקויפן די גרויסע זכות פון די וועכענטליכע קונטרסים, וואס דער זכות איז אומשאצבאר.

גרשון קרעמער

האסט א שאלה? שיק צו askgershon@gmail.com




## די צוויי פארקערטע כוחות פון מאגנעטן

### שאלה

**איך וואלט געוואלט וויסן פארוואס א מאגנעט איז ציענד פון איין זייט און פארקערט פון די אנדערע זייט?**

**א גרויסן שכח פאר די הערליכע אפטיילונג פון אלץ און אלעמען.**

**ר. וועבערמאן**

### ענטפער

עס איז א געוואלדיגע וואונדער פונעם אייבערשטן, צוויי דוממ'ס שלעפן איינע דעם צווייטן פון איין וועג, און אנטלויפן איינע פון צווייטן אויף די צווייטע זייט, אבער פארוואס פאסירט דאס? לאמיר אריינגיין אביסל טיפער, און זען די כחות וואס דער אייבערשטער האט אריינגלייגט אינעם מאגנעט, אויף א באהאלטענע וועג.

די צוויי זייטן פונעם מאגנעט רופט מען פאולס, איינס איז א צפון פאול, און די צווייטע איז א דרום פאול. אויב וועסטו נעמען צוויי מאגנעטן און לייגן א "צפון" אויף א "דרום" וועט זיך עס באהעפטן, אבער אויב לייגט מען ביידע דרומ'ס אדער ביידע צפון'ס וועלן זיי זיך נישט לאזן קומען נאנט.

דאס פאסירט צוליב עפעס וואס מען רופט א מאגנעטישע פעלד. א מאגנעטישע פעלד איז אן אומזעבארע כח וואס נעמט ארום דעם מאגנעט, דער כח הייבט זיך אן ביים "צפון פאול" און נעמט געצנליך ארום דעם מאגנעט ביזן "דרום פאול", אזוי דרייען זיך ארום די מאגנעטישע כוחות א גאנצן צייט.

יעצט ווען מען לייגט צוזאם צוויי מאגנעטן אויף די פארקערטע כוחות, ווערן ביידע שטיקלעך באהאפטן, און די מאגנעטישע כוחות הייבן זיך יעצט אן פון אויבן פון די אויבערשטע צפון, און נעמט ארום ביידע "אינאיינעם" ביז "דרום", אבער אויב וויל מען צוזאם שטעלן ביידע זעלבע כוחות אינאיינעם, שטערן זיי איינע דעם צווייטן דעם מאגנעטישן פעלד, ביידע זעלבע זייטן האקן אריין איינע אינעם צווייטן, און לאזן זיך נישט נאנט קומען.

א מענטש האט אין זיך צוויי זייטן, ער האט א נשמה וואס ציט צום אייבערשטן, ער וויל נאר זיין דבוק בה', לערנען און דאווענען פיר און צוואנציג שעה, נישט עסן, נישט שלאפן; פון די אנדערע זייט האט אים דער אייבערשטער געגעבן א גוף וואס וויל עסן, ער וויל שלאפן, ער וויל פארוויילן, ווען א מענטש זאל געבן פאר זיך אלעס פאר נאר איין זייט טויג נישט, מען קען נישט נאר א גאנצן צייט גיין "דרום", נאר לערנען, נאר רוחניות, אזא מענטש וועט צוזאם ברעכן, מען קען עס נישט אנהאלטן, ווען מען עסט נישט, מען שלאפט נישט קען מען נישט לערנען און דאווענען, דער אייבערשטער וויל דאס נישט.

די זעלבע זאך פארקערט, אז א מענטש וועט א גאנצן טאג נאר זיך אפגעבן מיט גוף, פארוויילן מיט עסן, און פארברענגען, וועט ער זיך שפירן ליידיג, ער וועט נישט וויסן פארוואס רעג איך מיך, פארוואס שפיר איך ליידיג, און אפילו נאכן צוגיין צום פרידשידער צום פופציגסטן מאל און ארויסנעמען נאך א שטיקל טשיז קעיק שפיר איך נאך נישט זאט. די סיבה דערצו איז אז ער איז געגאנגען נאר צו "צפון" א גאנצן צייט, עס טויג נישט, מען ווערט דעפרעסט און מרה שחורה. מען דארף צוזאם ברענגען רוחניות מיט גשמיות צוזאמען, "דרום" מיט "צפון" ארבעטן זייער גוט, זיין קערפער איז אויסגערוט, זאט, יעצט לערנט ער, דאווענט ער און גייט אן מיט זיין עבודת הקודש אויף לאנגע געזונטע יארן.

צום שלוס, מאגנעטן זענען א וואונדערליכע כח וואס דער אייבערשטער האט אריינגעלייגט אין די בריאה, דער ערד קוגל אליינס איז אויך א מאגנעט (מיר רעדן דא נישט פון "גרעוויטי", וואס איז א באזונדערע כח) וואס האט א "צפון פאול" און א "דרום פאול" און די מאגנעטישע פעלד נעמט ארום די גאנצע וועלט. און איז זייער צופרידן זיך צוזאם צו שטעלן מיט די פארקערטע פון אים, אבער קען נישט ליידן צו זיין אינאיינעם מיט די זעלבע זייט פון אים.

# דער פיפיגער זומפ

ס'איז געווען איין שיינעם טאג, צירקע 1950'ער יארן, ווען די צוויי ראזען ברודער 'דזשעק' און 'לינארד' פון באלטימאר זענען אהיימקומען און געמאלדן פאר זייערע עלטערן אז זיי גייען בויען א שטאט...

ווי נאר זייער טאטע האט געהערט דערפון האט ער זיך איינגעקורטשעט פאר געלעכטער: "ענק וועלן בויען א שטאט? עטס קענטס ניטאמאל צוזאם נעמען ענקער אייגענע צימער..."

די ראזען ברודער האבן זיך נישט געפוילט נאר זיך באלד ארויסגעלאזט אויף די יארכע צו טרעפן א פלאץ צו בויען א שטעטל.

איר טראכט זיכער, ווער זענען די מענטשן וואס מאכן אפ פון איין מינוט אויפן צווייטן צו בויען א שטאט?

אביסל פון הונטער די קוליסן. די צוויי ראזען ברודער זענען געווען פיפיגע חברה, זיי זענען געווען קוריאזע פערזאנען. צום ביישפיל פאר א שטיק צייט האבן זיי פארקויפט סחורה וואס האט געדארפט מאכן האר צוריקוואקסן ביי די וואס ס'פאלט זיי ארויס... צווישן נאך פארשידנארטיגע מאדנע געדאנקען וואס איז זיי אריינגעפאלן אין קאפ....

אין יענע יארן האט די סטעיט פון פלארידע געבליעט, אין די יארן פון די צווייטע וועלט מלחמה האט מען געבויעט גרויסע טרענירונג צענטערן פאר סאלדאטן, א געשאצטע צוויי מיליאן סאלדאטן זענען טרענירט געווארן אויפן ארט. ס'רוב פון די חברה האבן געגליכן די אטמאספערע אינעם לאקאציע און געזוכט ווי צו בלייבן וואוינען אין די געגנט, אין יענע יארן האט די סטעיט פון פלארידע אוועק געגעבן ריזיגע שטחים פאר פעניס, על תנאי אז מען וועט עס אויפבויען.

אין יאר 1957 למספרם האבן די ראזען ברודערס זיך איינגעהאנדלט אזא שטח, מיטן נאמען 'רעדפיש פאונט', הארט ביים ברעג פונעם 'גאלף אוו אמעריקע'..

למעשה אריינקוקענדיג אינעם שטח וואס זיי האבן איינגעהאנדלט האבן זיי געזען אז בחינם באקומט מען כינים, במלוא מובן המילה, זיי האבן באקומען א גרויסן זומפ, ניטאמאל אריינפארן מיט א קאר האט מען געקענט, אנגעפילט מיט אלע קריכעדיגע באשעפענישן, און אין פלארידע זענען דא גרעסערע קריכעדיגע ווי ביי אונז אין ניו יארק....

גענדיגט. ס'איז דערנאך. א דורכפאל. כ'ווייס נישט וועלכע נאך ווערטער צו נוצן ארויסצוברענגען די פראסק וואס די צולאזטע ראזען ברודערס האבן געכאפט

אבער זיי האבן באשלאסן זיך נישט צו דערשרעקן פונעם זומפ, זיי גייען אנפייפן די וועלט....

הער צו:

צום ערשט האבן זיי געטוישט די נאמען... פון 'רעדפיש פאונט' איז געווארן די מער קלינגענדע נאמען, 'קעיפ קארעל'..

יעצט וואס טוט מען מיטן זומפ?

בעצם איז פארהאן וועגן אויסצוטרוקענען נאסע ערטער. עס נעמט עטליכע יאר ביז מען דערזעט זיך מיט א פלאכע הארטע אויסגעטרוקנטע באדן גרייט צו בויען דערויף געביידעס צו פארקויפן. און דאס האט מען געהאט פארגעשלאגן פאר די ראזען ברודערס, אז דאס איז די איינציגסטע וועג צו קענען אויפבויען א געהעריגע שטאט.

אבער אנשטאט ארבעטן יארן צו אויסטרוקענען די זומפ מיט פארשידענארטיגע גרויסע מאשינעריי, האבן זיי זיך געשטעלט אויפן קאפ און געטון פונקט דאס פארקערטע. זיי האבן אריינגעברענגט טרעקטארס און שיפן און מען האט אנגעהויבן גראבן קאנאלן (אזוי ווי אין ווענעציע). אזוי ווי די גאנצע ארט איז געווען א שטיק נאסע מאראסט האבן זיי נישט געדארפט האבן קיין שווערע מאשינען צו רוקן די ערד. זיי האבן גענומען די אויסגעגראבענע ערד און דאס גענוצט צו מאכן העכער די באדענס ארום, און מיט דעם געמאכט הונדערטער טייערע 'וואסערפראנט פראפערטיס'. דאס הייסט א לאט וואס האט א וואסער אין פארנט פון זיך, די טייערע וואסער פראפערטיס האבן זיך פארקויפט פאר צוויי מאל די פרייז.

זיי האבן גענומען די זומפ און געמאכט דערפון א הערליכע שטאט ווי קאנאלן פון וואסער פליסן צווישן די געסעלעך.

בשעת די ארבעט פון גראבן און רוקן און בויען, האבן זיי געבויעט א שטיקל אפיס אויף איינע פון די שטחים פונעם זומפ, און דערנעבן א קליינע לופטפעלד, ווען איינער האט ארויסגעוויזן אינטערעסע צו איינהאנדלען א הייזקע, האט מען אים אריינגעליפערט קיין קעיפ קארעל און געברענגט צום אפיס,

## א קוק אויף צוריק מיט א בליק אויף פאראויס

**ש. ז. היסטאריקער**

כדאי אים צו מאכן שפירן ווי א חשוב'ער מענטש האט מען אים ארויפגעזעצט אויף א פליגער און אים ארומגעצייגט די פארשידענע שטחים וואס מען קען נאך ארייכאפן צו קויפן... קיינער האט נישט געכאפט אז מען פארט ארום מיט א פליגער ווייל אן אויטא קען נישט ארייפארן אין אזא זומפ... און ווען איינער האט באשלאסן צו קויפן א ספעציפישן שטח האט מען סימבאליש אראפגעווארפן א זאק מיט ווייץ... בבחינות "זכה לו"...

דאן האט מען יענעם צוריקגעשלעפט אין אפיס ווי דער יעניגער וואס האט זיך איינגערעדט אז ער האט געכאפט א מציאה האט געברויכט שרייבן קאנטראקט, און מען האט אים אויפגעוויזן שווארץ אויף ווייס אז ער האט נאר באקומען א האלבע לאט, און ער מוז קויפן די דערנעבענדע אויך... און אויב יענער האט געקווענקלט האט מען יענעם צוגעוויזן צום האטעל וואס איז געשטאנען נעבן די אפיס און יענעם פארגעשלאגן אז יענער קען זיך אויסרוען פאר די נאכט דארט און צוריקקומען מארגן.

דער האטעל איז אויך געווען אונטער די אייגנטום פון די ראזען ברודערס, און זיי האבן געהאט איינגעפלאנצט אונטערהער אפעראטן אין יעדן צימער, און די קומענדיגע טאג האבן די פיפיגע חברה פונקט געוואוסט וואס באדערט פאר דעם צוקונפטיגן קויפער, און מיסטעריעזיש ערלעדיגט אז אלעס וואס זיי האבן געטראכט די נאכט פארדעם אז ס'איז א פראבלעם זאל קלאפן אויפן העכסטן סטאנדארט...

אזוי האבן זיי אנגעהויבן שלעפן קונים, מען האט געברענגט דעם עולם קיין פלארידע און אראפ געווארפן זעק מיט ווייץ...

כדאי עס צו מאכן אויסקוקן לעדזשיט האבן זיי געעפנט אן אפיס איבערן ים, זיי האבן אויך געמאכט גורלות פאר געוויסע פראפערטיס.

זיי האבן געמאכט העווי עדווערטייזמענט. די גאנצע וועלט זאל רעדן איבער דעם קומענדיגן גן עדן אויף דער וועלט.

איי, ביסט דאך נישט מער ווי א זומפ?

אבער זיי האבן געהאט א ווייטע בליק... אדער גרויסע חלומות.

בקיצור, זיי האבן געדרייעט א רעדל.

און זיי האבן עס געמאכט! מען האט פארקויפט אלע שטחים און מען האט אנגעהויבן בויען. די פריידיגע קונים האבן זיך געקענט ארייניציען אין דעם געוועזענעם זומפ. און זיי האבן קיינמאל נישט אפילו געכאפט וואס מען האט געטון מיט זיי.

קעיפ קארעל איז ביז א קורצע צייט געווארן די שנעלסט וואקסענדע שטאט אין אמעריקע.

סוקסעס! די געוועזענע זומפ איז געווארן פון די שענסטע פלעצער סיי ווען נאר אמאל געבויעט.

נישט נאר דאס, נאר דוקא דאס אז זי איז געווען א זומפ האט ערמעגליכט אז מען זאל קענען מאכן פון איר אזא שיינע שטאט. (זע בילד). פון א הארט שטיקל געווענטליכע באדן וואלט מען נישט געקענט פראדוצירן אזוינס.

און כ'האב מיך געציפט ביי די באקן צו זען וואס כ'האב יעצט געענדיגט שרייבן.



די זומפ איז געווארן גאר שיין.

דוקא די זומפ וואס קען גארנישט ווערן! דוקא איך אדער דוקא דיך און יעדער וואס טראכט אז ס'גייט שוין גארנישט זיין מיט מיר, דוקא פון דעם וועט דער הייליגער רבי מיט זיינע פיפיגע טאקטיקן, אויפבויען מיט די שענסטע פראכט.

עס זענען טאקע דא די פריערדיגע וועגן אויסצוטרוקענען זומפן. מען קען זען אין ספרים וועגן זיך צו מסגף זיין און אזוי ווייטער. וואס דאס זענען די וועגן וואס קען ארויסנעמען מענטשן פון זייער פריוואטע זומפ. די אלע וועגן זענען פאראהאן צו נעמען יעדער וואס איז אינעם זומפ און עס אויסטרוקענען אז מען קען זאל בויען אויף דעם. אבער דאס נעמט יארן. און דאס האט מען אריגינעל פארגעשלאגן פאר די ראזען ברודער.

אבער נאכדעם איז דא די וועג וואס דער רבי זאגט, און דאס איז די מהלך וואס האט געמאכט קעיף קארעל פאר וואס זי איז, דאס וואס דער רבי רופט אן "די נייע וועג וואס פירט צוריק צו די אלטע וועג". דאס נעמען דעם מענטש אזוי ווי ער איז, און אים זאגן, דוקא דו! יא דוקא דו וואס ביסט, אז דו וועסט רעדן צום אייבערשטן יעדן טאג. וועסטו ווערן איבערגעדרייט אויף דאס בעסטע און דאס שענסטע! דארפסט גארנישט טון, דארפסט נישט שטיין פאר יארן אויסטרוקענען דעם זומפ און טון שווערע עבודות.

ס'קוקט אויס אזוי אומשולדיג אז מען כאפט ניטאמאל אז מען פאלט אריין אין די פאסטקע... די וועגן שטייט אין עצתו אמונה יעדע וואך.

דערנאך איז דא נאך א טאקטיק פון די ראזען ברודער, דאס איז פון העווי מארקעטן דעם זומפ, דער רבי האט געזאגט אז ווען מען פאלט אריין אין א זומפ "מען שרייט און מען שרייט און מען שרייט". איי... ביסט דאך נישט מער ווי א זומפ? האסט דאך גארנישט אויפגעטון, סאך הכל געשריגן? שוין. אבער אזוי זאגט דער רבי.

נאכדעם זאג משניות... העלא דו ביסט אראפ פון קאפ? זייער מסתבר... אבער דאס קען איבערדרייען די גאנצע זומפ אויף עפעס וואס מען האט זיך נישט געקענט פארשטעלן אין ווייסטן חלום. נישט סתם אויסטרוקענען.

און אזוי האט דער הייליגער רבי - דער מתנה פאר אונזער דור, אונז איבערגעגעבן נאך עטליכע וויכטיגע טאקטיקן ווי אזוי ~~ארויסצוגיין פונעם זומפ~~.

ניין! דער רבי וועט נעמען דיין פריוואטע שוואכקייט און דיר איבערדרייען אויף אינגאנצן א נייע מענטש. נישט סתם ארויסנעמען פונעם זומפ און דיר לאזן ליגן דערנעבן. נאר דוקא דאס מאכן פאר דיין שענסטע דיך!

(די שורה "דיין שענסטע דיך!" האב איך גע'גנב'ט פונעם נענטסטן טעראפיסט)

צום שלוס: עס זענען פאראהאן וועגן אויסצוטרוקענען א זומפ. אבער נאכדעם איז דא עפעס אסאך שטערקער.



Liberty | 25 Carrier St, Liberty, NY 12754

ערפארונג
פראפעסיאנאליזם
הארץ, ארבע



ברוכים הבאים צו די געטרייע
און העכסט געלונגענע
ספיעטש טעראפיסט **מרת**
**חיה ראזענבערג**, צו באדינען
די קעטסקיללס איינוואוינער.

Introducing

# CHAYA ROSENBERG, SLP

מיט א ברייטע ערפארונג ארויסצוהעלפן מיט אלע סארט רעדן און שפראך פראבלעמען, מיט איר היימישע אידיש אין צוגאב צו איר העכסט פראפעסיאנאלע צוגאנג, שטייט זי גרייט ארויסצוהעלפן פאר אלע סארט שטימע, רעדע און שפראך פראבלעמען.

מיט איר געלונגענע רעקארד און געטריישאפט צו צושטעלן פערזענליך צוגעפאסטע הילף וועט זי דערהערן די שטומע געשריי פון פולע און זיי געבן די מעגליכקייט צו דערהערט ווערן אין די וועלט.

aHava™ medical

845.281.7200

Sun 11 AM – 4 PM | Wed 11 AM – 5:30 PM

Home to better health™

Optical
Dr. Roman

א וועלט
פון קעיר
אונטער
איין דאך

גלעזער געדעקט דורך דירעקט מעדיקעיד,
פידעליס, מעטרא פלאס & יונייטעד העלט קעיר

MEDIAOTG

# וועלטליכע נייעס

גרשון קרעמער



## די ערשטע פיר וואכן מיטן נייעם פרעזידענט

שטייענדיג פיר וואכן אריין אין די צווייטע טראמפ טערמין אלץ זיבן-און-פערציגסטע פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאטן - און אזוי אויך איז שוין טיף אריין אין חודש אדר - איז אינטערעסאנט צו באטראכטן וואס עס טוט זיך אין זיין אדמיניסטראציע.

איינס פון די לעצטערע נייעס וואס איז ארויסגעקומען פונעם ווייסן הויז זענען פאזיטיוו לטובת אחינו בני ישראל, צוויי עקזעקוטיווע באפעלן וואס דער פרעזידענט האט אונטערגעשריבן, איינס אז אינשורענס זאל באצאלן פאר דאקטאר באזוכן פאר מענטשן וואס ווארטן געהאלפן צו ווערן מיט קינדער, און די צווייטע צו מבטל זיין די "קאנדזשעקשאן פרייסינג טאלס" אריינצופארן קיין מאנהעטן.

בנוגע די מלחמה אין אוקריינא מיט רוסלאנד, וואס מיר זענען מתפלל אז דאס זאל זיך שוין ענדיגן וואס שנעלער, די נארישע מלחמה וואס ברענגט גארנישט אויסער טויט און פארניכטונג האט געברענגט אסאך שוועריקייטן צו קענען פארן צו קברי צדיקים, אנשי שלומינו האבן טאקע נישט געקוקט אויף די אלע שוועריקייטן, עס קאסט צייט געלט און כוחות, אבער זענען מתפלל אז דער שוועריקייט זאל שוין אוועקגיין.

באאמטע פון די טראמפ אדמיניסטראציע האבן זיך געטראפן אין סאודי אראביע מיט רוסישע באאמטע און האבן אנגעקניפט שטארקערע באציאונגען, דערנאך האט טראמפ שארף אטאקירט דעם אוקראינער פרעזידענט אים באשולדיגן אין די מלחמה, אים רופנדיג א דיקטאטור וואס האט נישט קיין שטיצע פון זיינע בירגער, און דערפאר האט ער אפגעשטופט די וואלן.

ביים גרעניץ זענען זאכן אסאך שטילער, טראמפ האט דערקלערט אן "עמוירזשענסי צושטאנד" און געשיקט הונדערטער זעלנער צו באשיצן דעם גרעניץ, אין די זעלבע צייט זענען פארשיקט געווארן פילע פארברעכער אימיגראנטן צו זייערע היימלענדער, וואס דאס אלעס האט געשיקט א שטארקע מעסעדש צו פאטענציאלע אימיגראנטן אז יעצט איז נישט די צייט. די סטאטיסטיקס ווייזן אן איבער ניינציג פראצענט רעדוקציע אין פרישע אומלעגאלע אימיגראנטן אין פארגלייך צו די פאריגע חודש אונטערביידען.

אין פילע אינדוסטריעס קראצן זיך די סוחרים די קאפ וויאזוי זיך אן עצה צו געבן מיט די פילע טאריפס וואס טראמפ לייגט ארויף אויף אימפארטן פון אנדערע לענדער, צווישן אנדערע איז ארויפגעלייגט געווארן טאריפס אויף כינע, אויף אימפארטירטע קארס, אויף שטאל און פארמאסיוטיקל אימפארטן.

טראמפ טענה'ט אז אנדערע לענדער נעמען אדווענטעדש אויף אמעריקאנער פרייע האנדלס פאליסיס, זיי העלפן זייערע ביזנעסער מאכן ביליגערע פראדוקטן, און נעמען הויכע שטייערן פאר פראדוקטן וואס קומען פון אמעריקע.

אינעם נייעם דאדזש אגענטור אנגעפירט דורך אילאן מאסק גייען זיי אדורך אגענטור נאך אגענטור, זיי שניידן גרויסע שטיקער פון די רעגירונג, מאכן צו גאנצעטע אפטיילונגען, פארשיקן אומנויטיגע ארבעטער.

די יו-עס עיד אגענטור איז געווען פון די ערשטע צו ווערן פארמאכט, מאסק האט געזאגט אז יו עס עיד איז נישט אן עפל וואס האט א ווארעם, נאר איז א קאנע פון ווערים. די אגענטור איז אנגעגאנגען יארן לאנג אן דעם וואס איינער זאל זיך קימערן מיט וואס זיי טוען, און האבן געשיקט מיליאנען דאלארן פאר פיינטליכע לענדער, נארישע צוועקן, און ליבעראלע לינקע אקטיוויזם. לויט ווי די דאדזש אגענטור זאגט האבן זיי שוין געשפארט פאר די רעגירונג פינף און פופציג ביליאן דאלער, וואס איז בערך דריי פראצענט פון זייער ציל פון צוויי טריליאן דאלער. זיי זאגן אז דאס



קומט אויס צו איבער דריי הונדערט פופציג דאלער פער שטייער צאלער.

ווען מען רעדט פון די נייעס אין די רעגירונג און מען הערט פון טראמפ, און מאסק, מען רעדט כאילו זיי זענען "מאכטפול", "רייך", "קלוג", אדער אפשר גאר פארקערט, זיי זענען "נאריש", "ווילד", "דיקטאטורן", דארפן מיר געדענקען אז דאס איז נישט די ווארהייט, דאס אלעס איז בלויז א שפיל א פורים פארשטעלאכטס, דער אייבערשטער האט די גאנצע מאכט, ער איז קלוגער און רייכער פון סיי וועם, און נישט קיין חילוק פון וועלכע זייט פונעם פאליטישן שפיל מען קוקט עס אן, איז עס דער אייבערשטער וואס לייגט אריין אין זיי פונקט ווי אין אונז זייערע איידיעס, און געבט זיי די כח יא אדער נישט אויסצופירן זייערע פלענער. אויב הערט איר פון א פלאן וואס געפעלט אייך, בעט דעם אייבערשטן עס זאל מצליח זיין, אויב האלט איר אז זייערע פלענער זענען געפערליך, און עס טאר נישט דורכגעפירט ווערן, זייט נישט אין פאניק, בעט דעם אייבערשטן, און אלעס וועט זיין גוט.

ווען מען קוקט אויף די העדליינס זינט טראמפ האט זיך געזעצט אויפן פרעזידענט'ס שטוהל, זעט עס אויס ווי אן ADHD קינד האט נארוואס אריינשפאצירט אין קלאס. זיינע פלענער וואס ער שטעלט פאר שוועבט ערגעץ צווישן פאנטאזיע און אילוזיע... טייל פון זיי האט ער ערלעדיגט דורך אן "עקזעקוטיוו ארדער" וואס איז ווי א קעניגליכע דעקרעט אויף וואס די באדינער ענטפערן צוריק "צום באפעל", ווי צום ביישפיל ער האט געטוישט דעם נאמען פונעם "גאלף אף מעקסיקא" צו "גאלף אף אמעריקע", זאגענדיג אז דער גאלף גרעניצט זיך אסאך מער מיט אמעריקע ווי מיט מעקסיקא.

ער סטראשעט פאנאמע מיט צוריק כאפן דעם פאנאמע קאנאל, ווייל קארטער האט זיך באנארישט מיט'ן עס אוועקגעבן, און פאנאמע לייגט אין געפאר אמעריקע'ס זיכערהייט, מיט'ן איבערגעבן די קאנאל פירערשאפט פאר כינע.

טראמפ רעדט אין גרויסן פון זיין טרוים צו פארוואנדלען קאנאדע אלץ דער איין און פופציגסטער שטאַט פון אמעריקע, ווען ער באשולדיגט קאנאדא אז זיי ווערן סיווי אויסגעהאלטן דורך אמעריקע, איז נישט מער ווי יושר אז אמעריקע זאל גענים פון אירע פילע נאטורליכע אוצרות. דער פרעזידענט פאראאנדלעט מיט דענמארק אפצוקויפן פון זיי דעם ריזיגן קאלטן אייזיגן "גרינלאד" אינזל.

און צום לעצט האט ער אויסגערופן אז אמעריקע וועט איבערנעמען די עזה שטח, און וועט עס גענצליך איבערבויען, צוליב וואס קיינער פון די אראבישע שכנות'דיגע לענדער קימערן זיך נישט אמת'דיג וואס עס גייט דארט פאר.

איך בין זיכער אז טראמפ טראכט עכט אז ער פירט די וועלט, ער איז זיך מחי' ווען די לענדער רעגן זיך אויף זיינע ווילדע שריט און קומען זיך דערנאך בוקן און לעקן צו אים, ער האט שוין פארגעסן וואס האט פאסירט מיט אים פאר נישט לאנג צוריק ווען איין צורידערטער פארשוין האט טראץ די ריזיגע זיכערהייט פון די בעסטע שוץ סיסטעם וואס די וועלט פארמאגט די "סיקרעט סערוויס" אים געשאסן א קויל איין מילימעטער אוועק פון זיין מח. ער האט דאן מודה געווען אז דער אייבערשטער האט אים געראטעוועט.

די שאלה איז אבער צי מיר געדענקען עס, ווערן מיר אויך פארשלעפט פון די נייעס? טראכטן מיר אז טראמפ און מאסק ראטעווען אמעריקע, אדער מיר געדענקען גוט אז זיי זענען נישט מער ווי פשוטע פארשטעלטע מענטשן אויף א פלעי וואס עס זעט באמת אויס שרעקעדיג, דער איז א מעכטיגער פריץ, א קעניג פון פילע לענדער, א העלדישער גענעראל וואס געווינט מלחמות, וואס האבן באמת נישט קיין שום מאכט מער ווי מיר און דיר.

עס טוט זיך גאנצע שפעקולאציעס אין די קרעמלער צי טראמפ איז א גרויסער בעל דמיון, און רעדט ברייט ווייל ער מיינט אז וואס ער וויל איז די מציאות, אדער טענה'ט דער אנדערער ער איז א גניאלער סטראטעגיסט וואס ווייסט וואס צו זאגן און וויאזוי צו אנדרייען כדי צו מאכן אנדערע טון וואס ער וויל באמת.

מיר דא וועלן הנאה האבן פונעם שיינעם פורים פלעי און זען וויאזוי דער אייבערשטער פירט אזוי שיין די וועלט, און אונטער די אלע מעכטיגע מענטשן געפונען זיך בלויז שוואכע מענטשעלעך פאפעטס וואס דער אייבערשטער פירט זיי, טראגט זיי, און לאזט זיי זיך איינרעדן אז זיי האבן עס ארויס, און פירן אלעמען ביי די נאז...

**יש מנהיג לבירה.**



# מעשיות פון תפילה

## שמעון גאלדבערגער
בני ברק

1. גייענדיג צו די ארבעט האב איך געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל מיר העלפן אז א געוויסע זאך וואס איך דארף ערלעדיגן ביי די ארבעט זאל מיר אנקומען גרינגערהייט, ווייל אסאך מאל דארף איך דאס ערלעדיגן אליין.

און צום ווינדער האט מיין שותף דאס ערלעדיגט פאר מיר.

2. איך האב געדארפט גיין צי א וויכטיגע אפוינטמענט וואס איךווארט שוין אויף דעם א לאנגע צייט.

איך האב געבעטן "הייליגער באשעפער העלף מיר טרעפן א טעקסי, ווייל נאר א געוויסער באס ליין קומט אן צו דעם געוויסע פלאץ וואס איך דארפט אנקומען, הייליגער באשעפער העלף ס'איז שפעט און איך דארפט שוין זיין אין ארבעט". און שנעלער ווי איך האב געמיינט בין איך געווען אין ארבעט.

## דובי ווייצהנדלר
ביתר

זונטאג פרשת בא בין איך געפארן קיין יבנאל אויסזאגן גאנץ תהילים ביים מוהרא"ש'ס ציון, נאכדעם האב איך זיך מתבודד געווען און דעמאלט צוגעזאגט פאר מוהרא"ש אז אויב איך ווער א חתן ביז צוויי וואכן וועל איך קומען נאכאמאל אויסזאגן גאנץ תהילים ביי אים.

ס'איז אריבער א וואך און מ'האלט שוין ביי פרשת בשלח, די וואך לויפט אויס און מ'האלט שוין דאנערשטאג 2 טעג פאר ווען די צוויי וואכן זענען פארביי, אבער איך בין שוין זייער פרייליך, ווייל איך בין...

א חתן!

שכח אייבערשטער!

# מעשיות פון תפילה

## אבא חייא רייזמאן

בני ברק

1. שוין פון די פאראנגעגענעם פסח האב איך נישט קיין קאוטש אינדערהיים, די קאוטש וואס איך האב געוואלט האבן איז נישט אזוי ביליג, און איך האב מיך נישט געקענט ערלויבן צו דאס קויפן, אבער איך האב יעדן טאג געבעטן דעם אייבערשטן אז איך וויל א נייע קאוטש, און איך האב פונקט אויסגערעכנט פארן אייבערשטן ווי אזוי עס זאל אויסזען די קאוטש וואס איך וויל באקומען. שכח אייבערשטער, יעצט האט מיר דאס דער אייבערשטער געשיקט, ממש פונקט וואס איך האב געבעטן.

2. איך האב געהאט א שאפינג וועגעלע, למעשה האט זיך איין רעדל צובראכן, אבער איך האב נאך מצליח געווען צו גיין איינקויפן מיט דעם לכבוד שבת. די לעצטע וואך ווען איך בין אנגעקומען אהיים, זע איך אז עס האט זיך צובראכן נאך א רעדל, אזוי אז עס איז ארויס פון באניץ. 10:00 ביינאכט האב איך דאס אראפגעטראגן אין מיסט נעבן מיין הויז, און די זעלבע צייט האב איך געשעפשעט א תפילה, הייליגער באשעפער שיק מיר א נייע וועגעלע צו קענען איינקויפן לכבוד שבת.

עס גייט נישט אריבער צוויי שעה 12:30 ביינאכט, איך שטייט ביי די טיר פון מיין שטוב, און איך זע ווי די וועגעלע ליגט נעבן טיר, זעט אויס אז איינער האט געוואלט טון השבת אבידה, מיינענדיג אז עס איז נישט צובראכן, אבער ווינדער איבער ווינדער באמערק איך אז דער איד האט געטוישט די צובראכענע רעדל און געלייגט א נייע. שכח אייבערשטער.

## חיים שלמה ראבינאוויטש

צפת

1. געלויבט דער הייליגער באשעפער איך האב זוכה געווען צו פארן צום הייליגן ציון פון מוהרא"ש זי"ע ליל שישי פון די יארצייט

איך האב נישט געוווסט וויאזוי צו פארן, איך האב נישט געהאט קיין כח צו זיך שלעפן מיט באסעס, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל האבן א היטש קיין יבניאל. שכח אייבערשטער מיין שוואגער רופט מיר און זאגט מיר, "איך האב א חבר א גור'ער חסיד וואס פארט קיין טבריה, אפשר איז ער מסכים דיך נעמען קיין יבניאל", שכח אייבערשטער ער האט מיר גענומען קיין יבניאל און אויך צוריק קיין צפת.

2. די פריערדיגע יאר ביים יארצייט פון מוהרא"ש זי"ע בין איך אויך געפארן מיט אפאר חברים פון ישיבה, מיר האבן אנגעהויבן זאגן תהלים, אינמיטן רופט אונז איינער און זאגט אונז אז די לעצטע באס פארט שוין ארויס.

אלע מיינע חברים זענען געלאפן צום באס סטאנציע, נאר איך מיט נאך א חבר זענען געבליבן אויסזאגן תהלים ביזן סוף.

מיר ענדיגן זאגן תהלים, און איך בעט פונעם אייבערשטן איך זאל אנקומען אהיים, איך גיי ארויס פון ציון זע איך מיינע חברים קומען צוריק און זאגן אז זיי האבן פארפאסט די באס. אינמיטן זע איך איינער פון אנשי שלמינו פון צפת יענער געבט מיר א פרעג צו איך דארף א היטש אהיים קיין צפת.

## ישראל דוד ברוקמאן

בני ברק

מיין דריי יעריגע טאכטער האט זיך באקלאגט אויף ציין ווייטאג, מיר זענען געגאנגען צום דאקטער און זיי האבן געזאגט אז זי האט פינעף לעכער אין די ציינער ה"י, און מען דארף גיין צו א ספעציעלע דאקטער. מיר האבן געבעטן די סעקרעטערי זאל אונז באשטעלן אן אפוינטמענט, אבער זיי האבן געזאגט אז די נאנטסטע אפויטנטמענט איז אין א האלבע יאר...

מיר האבן געבעטן דעם אייבערשטן מען זאל עס קענען מאכן פריער ווייל פינעף לעכער איז גרויסע ווייטאגן. מיין ווייב האט פרובירט רופן בעטן אויב מען קען עס צוריק רוקן, זיי האבן געזאגט אז עס איז דא אן אפוינטמענט אין... פינף חדשים ארום אנשטאט א האלבע יאר...

מיר האבן ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן, און נאך אפאר טעג האבן אונז ווייטער פרובירט צו רופן, מיר האבן געווארט אויפן ליין זייער אסאך צייט, מען האט אונז אריבער געפירט פון איינעם צום צווייטן און צום דריטן, אבער מיר האבן זיך נישט מייאש געווען און ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן. צום סוף האט מען אונז אריבער געפירט גלייך צום שפיטאל וואס דארט דארף מען מאכן די באהאנדלונג, און דארט האט מען אונז געזאגט "ענק ווייסן וואס? עס איז ליידיג געווארן אן אפויטנמענט מארגן 10 אזייגער אינדערפרי. ב"ה אויף מארגן איז די באהאנדלונג אריבער פיין.

# היכל הלכה



איבערגעגעבן
דורך הגאון
**הר"ר יונה**
**זינגער שליט"א**
דומ"ץ קרית
ברסלב

## הלכות הדלקת הנרות

### סימן רס"ד סעיף א' און ב'

אין דעם סימן רעדט מען ארום פון קנויטן און אויל וואס די הייליגע חכמים האבן ג'אסר'ט צו צינדן מיט זיי אין שב"ק. [1] געוויסע איז אסור צוליב וואס זיי האבן א שלעכטע גערוך, [2] און די חכמים האבן מורא געהאט אז די מענטש וועט דאס נישט קענען פארליידן, וועט ער ארויסגיין פון דעם שטוב וואס דארט געפינט זיך די ליכט, און די חכמים האבן געוואלט מ'זאל עסן ביי די ליכט. [3]

א טייל איז אסור ווייל ס'ברענט נישט גוט, ס'טאנצט ארום די קנויט - ס'כאפט זיך נישט גוט אן אינעם קנויט; [4] די ליכט בימי חז"ל איז געווען געמאכט אויף א אופן אז אויב די קנויט האט נישט גוט געברענט, איז עס בדרך כלל געווען די סיבה ווייל די קנויט האט זיך אוועק גערוקט פון די אויל, [5] דאס הייסט עס האט זיך אביסל ארויס געשלעפט פון די אויל, און דאס האט גורם געווען אז ס'זאל נישט גוט ברענען. די עצה איז געווען, אז מ'האט געבויגן די ליכט אזוי אז די אויל זאל נאנט קומען צום קנויט, און אזוי האט עס גוט געברענט, און דאס איז אן איסור דאורייתא פון הבערה [6] - אנצינדן א פייער, די איסר איז סיי ביי די ליכט וואס געפינט זיך דארט ווי מ'עסט, און סיי ווי אימער מ'דרייט זיך שבת.

דעריבער רעכנט דער מחבר אויס אין סעיף' א' פארשידענע מיני קנויטן וואס מ'מעג נישט צינדן מיט זיי, און אפילו מ'האט מיט זיי בדיעבד געצינדן טאר מען נישט הנאה האבן פון די פסול'ע ליכט.

דער הייליגער רמ"א שרייבט, אויב האט מען כשר'ע ליכט וואס חז"ל לאזן צינדן, און אפי' בלויז איין ליכט, דעמאלט מעג מען הנאה פון די פסול'ע ליכט וואס מ'האט אנגעצינדן. די פוסקים שרייבן כהיום: [7]

א] אפילו די סארט קנויט/אויל וואס שטייט אין שולחן ערוך אז מ'מעג נישט צינדן מיט זיי שבת, מעג מען היינטיגע טעג יא צינדן מיט זיי, די סיבת ההיתר איז 1) ווייל היינט איז עס אויסגעארבעט מיט מאשינען וכדומה אויף אזא אופן אז ס'ברענט זייער שיין און גוט 2) רוב מאל ווי ס'ברענט די שבת ליכט איז אויך דא לעקטער, דערפאר ווען ס'איז דא איין כשר'ע ליכט מעג מען הנאה האבן פון די נישט כשר'ע ליכט.

ב] די הלכה איז נישט נוגע לגבי חנוכה ליכט, ווייל אפילו מ'וועט אנצינדן חנוכה ליכט מיט נישט גוטע קנויטן, און ס'וועט נישט ברענען צו לאנג - ס'וועט זיך אויסלעשן - און ער וועט עס נישט אנצינדן נאכאמאל איז נישט געפערליך, ווייל מיר פסק'ענען אז אויב מ'האט געצינדן חנוכה ליכט, אפי' ס'לעשט זיך אויס האט מען יוצא געווען [כבתה אין זקוק לה]; און די חשש אז מ'וועט צוקומען צו בייגן איז נישט שייך, ווייל מ'טאר דאך נישט הנאה האבן פון די חנוכה ליכט.

#### סימן רס"ד סעיף ב'

**הקדמה א:** די קומענדיגע הלכה איז נישט נוגע היינטיגע צייטן, אבער ס'קומט ארויס א אינטרעסאנטע ידיעה אין הלכה האבן מיר מיט'ן אייבערשטער'ס הילף מחליט געווען עס אראפצוברענגען.

**הקדמה ב:** מ'מעג אריין לייגן אין די אויל ליכט א "גרגיר של מלח" - א שטיק זאלץ, כדי אז די ליכט זאל גוט ברענען (רמ"א), די מקור איז די גמרא מסכת שבת סז: לכאורה וואס איז די שאלה, אז מ'דארף האבן אז די גמרא - תוספתא זאל זאגן אז מ'מעג עס לייגן?

רש"י הקדוש זאגט אויפן פלאץ, אז ס'איז נישט דא ביי דעם קיין חשש פון "דרכי האמורי" - גוי'שע וועגן חשש עבודה זרה, וועגן ס'איז א מציאות'דיגע זאך וואס דער אייבערשטער האט אריינגעלייגט אין די טבע הבריאה אז א שטיק זאלץ העלפט אז די אויל זאל גוט ברענען, אויב אבער איז עס נישט קיין טבע'דיגע זאך נאר א סגולה זאך [כמובן מ'רעד נישט דא סגולות וואס צדיקים האבן געזאגט - געשריבן, אדער וואס שטייט אין חז"ל] איז עס א ערנסטע חשש פון דרכי האמורי. למשל ס'איז דא וואס דרייען מיט א קייטעל, און ס'העלפט (אדער יא אדער נישט) פאר געוויסע זאכן, איז עס א חשש פון דרכי האמורי.

אגב! די גמרא רעכנט אויס נאך א זאך וואס איז געווען א הוה מינה אז ס'איז א דרכי האמורי, למעשה בלייבט די גמרא אז ס'איז נישט קיין שום חשש.

די גמרא זאגט אז א בוים וואס די פירות פאלן אראפ פאר ס'איז אינגאנצן געצייטיגט איז א קללה, במילא פארבט מען אפ די בוים מיט רויטע פארב. פרעגט די גמרא וואס פאר א רפואה איז דאס, בדרך הטבע, דאס הייסט אז ס'איז נישט קיין דרכי האמורי?

ענטפערט די גמרא, תפלה! מענטשן זאלן זען אז די בוים איז אויף צרות וועט מען בעטן דעם אייבערשטן, און דער אייבערשטער וועט העלפן אז ס'וועט אוועק גיין די פראבלעם.

זעט מען פון דעם ווי אזוי מ'האט געלעבט בימי חז"ל ווען מ'האט געהאט א פראבלעם, עס איז א חלק פון די טבע הבריאה אז מ'בעט דער אייבערשטן, דאס וויל דער רבי מאכן פון אונז, תפילה, תפילה און נאכאמאל תפילה.

### שאלות ותשובות "עלה הלכה"

**שאלה: מעג מען קויפן אייער אין א גוי'שע געשעפט?**

**תשובה:** אויב ס'שטייט אויף דעם אז ס'איז הינדל אייער [01] און ס'האט די סימנים פון כשר'ע אייער, מעג מען

**שאלה: וואס זענען די סימנים פון א כשר'ע איי?**

**תשובה:** [02] אז ס'איז ברייטליך פון אונטן, שפיציג פון אויבן, די ווייס איז פון אינדרויסן, און די געל איז פון אינעווייניג. און ועל כולם ס'זעט אויס אזוי ווי א געווענטליכע איי. [03] פארשטייט זיך דאס אלעס איז נאר ביי רויע אייער, אבער געקאכטע אייער מעג מען נישט קויפן ביי א גוי! [04]

מ'דארף אלץ געדענקען ס'איז דא א מצות עשה מן התורה צי שטיצן א איד!

## מקורות והערות

1) מקורו במשנה מס' שבת דף כ. 2) סעי' ג'. 3) טעם כ' במשנ"ב סקט"ו. 4) סעי' א' במחבר. 5) משנ"ב סק"א, ברמב"ם פ"ה ה' ח: טו"ז סק"א. מג"א סק"א 6) רש"י דאף יא. ד"ה ולו יקרא. 7) שולחן הטהור סעי' א' חיי הלוי - ח"א סי' לה.

01) רש"ק סק"ב איתא, דד' רמ"א הוי דלא כמחב', אלא, דאפי' בעכו"ם אם המוכר אומר שזה ביצי טהור, אז עס הסימנים סומכין עיליו מש"ה כתבי דצריך שיכתוב עליו דהוי ביצי עוף דבנוסף צריכים - להכיר בסימנים.. 02) יו"ד סי' ס"ו סעי' א.

03) שולחן ערוך, פשוט דאם לאו יש חשש שהוא ביצי עוף טמא הוא..

04) ווייל ביי אייער איז דא די איסר פון בישול עכו"ם - שו"ו סי' קי"ג סעי' י"ד..

05) עי' בספרו של החפץ חיים זי"ע - ספר אהבת חסד ח"א פרק ה', סעי' ו' - ובנתיב חסד אות י"א כ' וז"ל ואף דאין צריך ראי' מ"מ מפני שמצוי בעוונותינו ברבים לעבור על זה, אביא ראי' ע"ש עוד בעניין זה.





# מַיין וַוייבּ אִיז צוּ פְרוּם, וָואס טוּ אִיךְ?!

## שאלה

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

**אִיךְ בִּין אַ אִינְגֶערְמַאן, בָּרוּךְ הַשֵּׁם גְלִיקְלִיךְ חֲתוּנָה גֶעהַאט, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ אֵיין פְּרָאבְּלֶעם אַז מַיין וַוייבּ אִיז גֶעגַאנְגֶען אַלְס כַּלָה צוּ גָאר אַ פְרוּמֶע כַּלָה טִיטְשֶׁער, וָואס הָאט אִיר אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פַארְשִׁידֶענֶע חוּמְרוֹת יְתֵרוֹת, אוּן דָאס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק.**

**אִיךְ וֵוייס אָבֶּער נִישְׁט וִוי אַזוֹי אִיר אוֹיפְצוּקְלֶערְן אַז מֶען הָאט אִיר אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פַאלְשֶׁע זַאכְן וָואס אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן תּוֹרָה'דִיג, וָואס קֶען אִיךְ טוּן וֶועגְן דֶעם?**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ וַוייטֶער גֶעבְּן אַסַאךְ כֹּחַ אָנְצוּגֵיין מִיט אַייעֶר הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ח' אֲדָר א', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אַנְשְׁטָאט קְרֶעכְצְן זָאלְסְטוּ טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט אַ עֶרְלִיכֶע אֵיידֶעלֶע צְנִיעוּת'דִיגֶע וַוייבּ.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי מַעֲלָה פוּן הָאבְּן אַ עֶרְלִיכֶע וַוייבּ וָואס וֶועט זַיין אַ עֶרְלִיכֶע מַאמֶע פַאר דַיינֶע קִינְדֶער; **נִישְׁט אַלֶע יוּנְגֶעלַייט וֵוייסְן דָאס חֲשִׁיבוּת פוּן אַ עֶרְלִיכֶע וַוייבּ**, נָאר הֶערְשְׁט שְׁפֶּעטֶער וֶוען מֶען הָאט שׁוֹין קִינְדֶער דֶעמָאלְט הֵייבְּט מֶען אָן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי מַתָּנָה אַז מֶען הָאט אַ עֶרְלִיכֶע וַוייבּ וָואס אִיז אַ גֶעטְרֵייעֶ מַאמֶע פַאר דִי קִינְדֶער.

אַז דַיין וַוייבּ פִירְט זִיךְ עֶרְלִיךְ אִיז דָאס נָאר אַ מַעֲלָה; דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן ט): **"צְנִיעוּת שֶׁבָּאִשָּׁה, מְזַכָּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים"**, אַ פְרוֹי וָואס פִירְט זִיךְ אֵיידְל אוּן צְנִיעוּת'דִיג וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער; דוּ ווִילְסְט דָאךְ אַוַדאי עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, זָאלְסְטוּ מְחַזֵּק זַיין דַיין וַוייבּ אוּן אִיר אַרוֹיף קוּקְן. שְׁלֶעפּ אִיר נִישְׁט אַרָאפּ אוּן זוּךְ נִישְׁט וִוי דוּ קֶענְסְט אַרָאפְּרַייסְן אִיר צְנִיעוּת אוּן עֶרְלִיכְקֵייט מִיטְן אִיר בֶּעטְן זִי זָאל גֵיין אָנְגֶעטוּן מֶער אוֹיפְפַאלְנְד אוּן אוֹיפְרַייסְנְדִיג; עֶס גֵייט אַרִיבֶּער דִי פָּאר יָאר וָואס מֶען אִיז יוּנְג אוּן נָאכְדֶעם רַייסְט מֶען זִיךְ דִי הָאר פוּן קָאפּ אַז מֶען הָאט פַארְלוֹירְן דָאס אֵיידְלְקֵייט אוּן טֵייעֶרְקֵייט.

בְּנוֹגֵעַ דִי חוּמְרוֹת וָואס מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט אִיר; עֶס אִיז כְּדַאי זִי זָאל דָאס אַלֵיינְס הֶערְן פוּן אַן עֶרְלִיכְן רָב. גֵיי מִיט אִיר צוּ דַיין דַיָּין אָדֶער דַיין רָב, אַז זִי וֶועט רֶעדְן מִיט דַיין דַיין וֶועט זִי עֶס בֶּעסֶער קֶענֶען נֶעמֶען וִוי אוֹיבּ זִי וֶועט עֶס הֶערְן פוּן דִיר, וַוייל אַז דוּ וֶועסְט אַוֶועק מַאכְן וָואס זִי הָאט גֶעהֶערְט וֶועסְטוּ נָאר עֶרְגֶער מַאכְן.

וואוֹיל אִיז פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס זוּכְט נָאר וִוי אַזוֹי עֶר קֶען הָאבְּן אַן עֶרְלִיכֶע וַוארִימֶע שְׁטוּבּ, אַן עֶרְלִיכֶע ווִינְקֶל פַאר זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן עֶר אִיז מְחַזֵּק זַיין וַוייבּ אַז זִי זָאל גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל אוּן עֶרְלִיךְ.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

# געדאנקען

## דאס איז מיין תורה!

חיים'קע איז א וואוילער, פרובירט צו טון וואס איז ריכטיג. ער שטייט אויף פרי, כאפט א טבילה, דאווענט מיט'ן ערשטן מנין.

7 אזייגער צופרי מוז ער שוין קער נעמען פון א שטאב פון צוואנציג דרייסיג אמיגא'ס, די בילדינג האלט שוין ביים צוואנציגסטן שטאק ברוך השם, מ'גייט בעזר השם אנקומען צו פיר און דרייסיג, מער פון דעם האט דער פיפיגער עקספעדייטער נישט געקענט דעליווערן, שוין, העמיר סעטלען אויף בלויז פיר און דרייסיג, דאס איז בענעזאם דריי הונדערט און פערציג יוניטס, דאס איז צען מיליאן טאלער רענט יאר יערליך, איין מעלוינע גייט אויף חיי יום יום אויף א ברייטן פארנעם, מיט אסאך אסאך צדקה, די איבעריגע ניין גייט אריין און נאך און נאך געשעפטן.

חיים איז א איד וואס טיילט צדקה מיט א ברייט הארץ, נישט נאר וואס ער געבט א שיינע באלעבאטישע נתינה, געבט ער נאך צו א גוטווארט, ער פארגעסט נישט צו זאגן פאר יעדן משולח, שכח פאר מיר מזכה זיין, ביטע געדענקט צו בעטן נאך א נתינה אין א צייט ארום.

ניינע צופרי, שוין געגעסן א האלוויט ברויט, מיט אוועקאדאו, זיך שיין געוואשן אין די לוקסוריעזע SUITE הארט נעבן די EXECUTIVE OFFICE, געמאכט א המוציא אויפ'ן קול האלטנדיג די ברויט מיט אלע צען פינגערס (כמובא בשולחן ערוך), איינגעטונקען אין זאלץ, אריינגעקוקט אין אור החיים הקדוש און רמב"ן הקדוש בשעת'ן עסן, נאך זיבן מינוט איז די סעודה'ניו געענדיגט, מים אחרונים, בענטשט הויך אין שטייט אין א סידור מיט גרויסע לעכטיגע אותיות.

צווייע דרייע נאכמיטאג, ס'איז שוין נאך מנחה, מ'מאכט שוין די הכנות אהיימצוגיין און איבערלאזן אביסל פרעשער פאר'ן מארגנדיגן טאג, שוין אויפגעגעסן די בענענע וואס זיין ווייב האט אים אליין איינגעפאקט אין א הארטע פעיפערנע קליינע זיסע שאפינג בעג פון CRATE & BARREL, מ'געבט א לעצטן קוק אין די "אינבאקס" מיט די מיושב'דיגע החלטה אז מ'מוז עפעס לאזן אויפ'ן קומענדיגן צופרי, שמעון דער עקזעקיוטיוו דרייווער קומט אריין, מ'טוט זיך אן די קאשמיר קאוט מיט די זיידענע שאל.

פיר אזייגער, דינגדאנג, א גוטן טאג! באגריסט די ווייב און קינדער מיט א פריילין קול, די קאשמיר און די זיידן ווערן פלאצירט אין די קאוט קלאזעט ביים טיר, חיים נעמט א גלעזל וואסער און זעצט זיך אנידער ביים ריזיגן גלאזערנעם דיינעט טיש צו באקוקן די פילע ענוועלאופס פון פאסט, א צוואנציג דרייסיג צדקה בריוולעך, מיט נאך עטליכע דאס מיט יענץ, און אז דו עפנסט א טשעקינג אקאונט אין סיטיבאנק, באקומסט גאנצע דריי הונדערט טאלער, און אז דו עפנסט א "בלויע" קרעדיט קארד ביי קעפיטל וואן, באקומסט א מיליאן מייל אויף דעלטע, און א טריליאן פאונטס ביי האום דיפאו, וועסט קענען האבן אומזיסט פלייוואד פאר דיינע קינדער און אייניקלעך ביז צען דורות!

אלע חיים'ס צדקה בריוולעך וועלן מארגן זיין ביים סעקרעטערי'ס טיש, יעדע בריוועלע באקומט א הונדערטער!

שוין פינעווע, חיים זעצט זיך אויף די מינט-גרין קאוטש פון ריינעם עלעגעיטער-לעדער, ער כאפט א שמועסל מיט זיין ווייב, ער פרעגט אויב זי דארף זיין הילף יעצט אינדערהיים, אדער גייט ער כאפן א לערן א האלבע שעה א שעה אין בית המדרש אויפ'ן קארנער.

שוין זעקסע, ס'ליגט שוין אויף די קאבאלט'ענע טעלער בעיבי סעלמאן, SWEET-POTATO-KUGELLETTES, באטערנאט-סקוואש פרענטש פרייס, בעיזל-פליעווערד-אליוו-אויל-מעשד-פעטעיטע, אין די פיירעקס קאמפאט טעלער ליגט א געבאקענע עפל מיט צימרינג, אין די דוראלעקס גלעזל ליגט וואסער מיט היימיש געקוועטשטע לעמאן און א HINT אוו קרענבערי פאר די TART טעיסט, בורא נפשות אין א בענטשערל.

שוין זיבענע, חיים זיצט אין ספרים שטוב (סלעש אויפנאם-צימער), מ'נעמט אויף די משולחים מיט א גוטמוטיגן שלום עליכם, יעדער באקומט א האנט געשריבענעם הונדערטער טשעק און א

## איבערלעבענישן, אנאליזן און געדאנקען

**משה אריה שניצלער**

גוט ווארט.

שוין אכטע, חיים זיצט אין שול איבער א ארטסקראל ביצה גמרא, צוזאמען מיט די חברותא נאך פון צען יאר צוריק, מ'פרובירט צו טועם זיין די זיסע גמרא-טעם.

חיים האט א גרויסע מעלה, חיים האט א קעפעלע וואס קען טראכטן, די גמרא-טעם איז דאך אזוי מין זיס!!! אזוי געשמאק! אזוי האניג'דיג! געלט האב איך שוין איבער'ן קאפ! אבער די געלט האט דאך נישט אזא זיסע טעם ווי די גמרא טעם, די טעם פון לערנען תורה איז דאך עפעס OUT OF THIS WORLD, וואס טוט מען?

נאך א מיליאן, נאך א בילדינג, נאך א דיוועלאפמענט, נאך א טאג, נאך א וואך, נאך געלט, נאך א סטאפ ארדער, נאך א צענער'ל פאר'ן עקספעדייטער, נאך אוועקאדאו מיט האלוויט, נאך א בענענע אין די זיסע קליינע שאפינג בעג'עלע, נאך א טאג, נאך א וואך, נאך א מיליאן, וחוזר חלילה, וחוזר וחוזר חלילה, ובכן? איך וואלט אוועק געגעבן אביסל פון מיין געלט, אז מיין טאג ארבעט זאל זיין עפעס מער MEANINGFUL, איך מוז עפעס טון אריינצולייגן א שטיקל טעם וריח אין מיין טאג ארבעט.

> נאך געלט, נאך א סטאפ ארדער, נאך א צענער'ל פאר'ן עקספעדייטער, נאך אוועקאדאו מיט האלוויט, נאך א בענענע אין די זיסע קליינע שאפינג בעג'עלע, נאך א טאג, נאך א וואך, נאך א מיליאן, וחוזר חלילה, וחוזר וחוזר חלילה, ובכן?

די טעלעפאן קלינגט, די מנהל הכולל רופט, דו קענסט העלפן די טייערע אינגעלייט וואס לערנען א גאנצן טאג?

עס מאכט זיך א שיינע שמועס צווישן חיים און דעם מנהל הכולל, חיים האט ליב די מנהל הכולל'ס וועג פון בעטן געלט און האלטן די שמועס אין די פאזיטיווע ריכטונג, חיים פאסט אויף ווי דער מנהל הכולל פרובירט צו ספרינקלען די שמועס מיט שפריצלעך פון אמונה ווערטער, "דער אייבערשטער איז זייער גרויס" "דו גייסט האבן אסאך שפע" "דו גייסט האבן א גרויסן נס" ווער רעדט נאך וועגן דער מנהל הכולל דרוקט די "אמונת צדיקים" קנעפל, "כ'האב נעכטן געלייגט א קוויטל פאר דיר ביים ציון הקדוש אין קרית יואל, דער רבי וועט דיר מאכן א נס", א מחי' צו הערן!

חיים זאגט פאר'ן מנהל הכולל: "אדרבה, כ'וויל הערן מער, רעד צו מיר פון די חשיבות פון די כולל". דער מנהל הכולל זאגט אים פשוט אין גראד: "מיט'ן געבן פאר'ן כולל וואס האלט אויס אינגעלייט וואס לערנען א גאנצן טאג, איז עס אזוי ווי דו אליין לערנסט א גאנצן טאג. דו וועסט פילן אן אנדערן טעם יעדע מינוט אין די ארבעט".

דער מנהל הכולל איז מסביר פאר חיים'ען אז אזוי ווי ס'איז דא אזא זאך אז מ'זאגט אויף איינעם אז "ער מאכט געלט ווען ער שלאפט", פיר און צוואנציג שעה אין טאג פליט אריין רענט פון צוויי טויזנט טענעטס, אזוי איז דא אזא זאך "ער לערנט ווען ער ארבעט"! ער גייט אין ארבעט, און זיין געלט האלט אויס דעם כולל! ער זיצט אין אפיס, און די כולל אינגעלייט לערנען מיט א געשמאק דורך זיין ברייטהארציגע נדבה!

חיים איז אנגאנצן איבערגענומען! חיים איז SOLD! ער נעמט ארויס דעם טשעק ביכל און שרייבט א ברייטן טשעק פאר'ן כולל!

מארגן אין אפיס, חיים קען נישט מסיח דעת זיין פון די גוטע פילינג פון אויסהאלטן אינגעלייט וואס לערנען מיט התמדה א גאנצן טאג!

די גאנצע ארבעט האט שוין אן אנדערן MEANING, די תורה וואס מ'לערנט דארט אין כולל, דאס איז "מיין" תורה!

חיים'ס טאג איז שוין גארנישט יענץ פון פריער! חיים'ס געלט האט באקומען א נייע לעבן! ער האלט אויס אינגעלייט וואס לערנען די הייליגע תורה!



# א מעשה פון א צדיק

## גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף!

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' בָּרוּךְ פוּן מֶעזִיבּוּז זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעהַאט אַ בַּאלִיבְּטֶער תַּלְמִיד וָואס אִיז לֵיידֶער גֶעוָוארְן שְׁרֶעקְלִיךְ קְרַאנְק, דִי דָאקְטוֹרִים הָאבְּן לֵיידֶער אוֹיפְגֶעגֶעבְּן אוֹיף זַיין לֶעבְּן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' בָּרוּךְ'ל הָאט אִים צוּגֶעזָאגְט אַז עֶר גֵייט הָאבְּן אַ יְשׁוּעָה, עֶר הָאט אַלְץ מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען פַאר זַיין ווּאוֹילְזַיין.

רֶבִּי בָּרוּךְ'ל הָאט כְּסֵדֶר גֶעשִׁיקְט זַיין גַבְּאַי צוּ דִי סְטַאנְצְיֶע וואוּ דִי וֶועגֶענֶער פוּן אַלֶע שְׁטֶעט קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם, כְּדֵי צוּ אוֹיסְגֶעפוּנֶען אוֹיבּ עֶס אִיז דָא גוּטֶע נֵייעֶס בַּיי דֶעם חוֹלֶה.

אָבֶּער וֶוען עֶר אִיז נָאר אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דֶעם סְטַאנְצְיֶע אוּן גֶעפְרֶעגְט מֶענְטְשְׁן פוּן דִי שְׁטָאט וָואס עֶס גֵייט פַאר מִיט דֶעם חָסִיד, הָאט עֶר אַלְץ בַּאקוּמֶען דִי עֶנְטְפֶער אַז דֶער חָסִיד אִיז שְׁטֶערְבְּלִיךְ קְרַאנְק אוּן דִי דָאקְטוֹרִים הָאבְּן שׁוֹין אוֹיפְגֶעגֶעבְּן אוֹיף זַיין לֶעבְּן.

וֶוען דֶער גַבְּאַי הָאט אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דִי בַּארִיכְט פַאר רֶבִּי ר' בָּרוּךְ'ל זי"ע אִיז עֶר בִּכְלַל נִישְׁט נִתְפָּעֵל גֶעוָוארְן נָאר עֶר הָאט גֶעזָאגְט "עֶר וֶועט בְּוַדַּאי גֶעזוּנְט וֶוערְן".

אֵיינְמָאל הָאט דֶער גַבְּאַי אָפְּגֶעמַאכְט בַּיי זִיךְ וָואס דַארְף אִיךְ וַוארְטְן בִּיז דֶער רֶבִּי וֶועט מִיר בֶּעטְן, אִיךְ גֵיי אַלֵיין גֵיין אוֹיסְגֶעפוּנֶען צוּ עֶס אִיז דָא גוּטֶע נֵייעֶס.

עֶר גֵייט דָארְט אַהִין, אוּן פוּנְקְט טְרֶעפְט עֶר אַ פְרוֹי וָואס קוּמְט פוּן יֶענֶע שְׁטָאט אוּן עֶר פְרֶעגְט אִיר: "וָואס גֵייט פָאר מִיט דֶעם חָסִיד וָואס אִיז קְרַאנְק גֶעוָוארְן"? הָאט זִי גֶעעֶנְפֶערְט מִיט גְרוֹיס ווּאוּנְדֶער "וָואס!? עֶר! עֶר אִיז שׁוֹין נִישְׁט דָא, עֶר אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבְּן". וִוי נָאר דֶער גַבְּאַי הָאט דָאס גֶעהֶערְט אִיז עֶר גֶעלָאפְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי בָּרוּךְ פוּן מֶעזִיבּוּז, עֶר קוּמְט אַריין אוּן דֶער רֶבִּי ר' בָּרוּךְ'ל רוּפְט זִיךְ אָן צוּ אִים: "גֵיי צוּ דִי סְטַאנְצְיֶע אוּן גֶעפוּן אוֹיס וָואס גֵייט פָאר מִיט דֶעם חָסִיד", זָאגְט דֶער גַבְּאַי "וָואס זָאל אִיךְ זָאגְן פַארְן רֶבִּי'ן, אִיךְ קוּם יֶעצְט פוּן דָארְט אוּן אַ פְרוֹי הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז שׁוֹין נִישְׁט דָא עֶר אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבְּן". הָאט דֶער רֶבִּי ר' בָּרוּךְ'ל אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן: "עֶס קֶען נִישְׁט זַיין אַזַא זַאךְ, גֵיי נָאכְאַמָאל צוּ דִי סְטַאנְצְיֶע אוּן זַיי גוּט מְבָרֵר צוּ עֶס אִיז אֱמֶת וָואס דוּ הָאסְט גֶעהֶערְט".

דֶער גַבְּאַי לָאזְט זִיךְ אַרוֹיס צוּ דִי סְטַאנְצְיֶע אַזוֹי וִוי זַיין רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן, אוּן עֶר טְרֶעפְט דָארְט אַ בַּעַל עֲגָלָה וָואס קוּמְט פוּן דֶעם שְׁטָאט אוּן פְרֶעגְט אִים: "וָואס גֵייט פָאר מִיט דֶעם חָסִיד וָואס אִיז קְרַאנְק גֶעוָוארְן"? זָאגְט אִים דֶער בַּעַל עֲגָלָה מִיט אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה "וָואס, דֶער אִיד?! עֶס אִיז אַ ווּאוּנְדֶער מַמָּשׁ, בְּדֶרֶךְ נֵס אִיז עֶר אִינְגַאנְצְן גֶעזוּנְט גֶעוָוארְן, עֶר דְרֵייט זִיךְ אַרוּם פְרִישׁ אוּן אוֹיפְגֶעלֶעבְּט, אוּן דִי דָאקְטוֹירִים פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט וָואס גֵייט פָאר, וַוייל מַמָּשׁ פוּן אֵיין מִינוּט צוּם אַנְדֶערְן אִיז עֶר גֶעזוּנְט גֶעוָוארְן אוּן דְרֵייט זִיךְ אַרוּם וִוי עֶס פֶעלְט אִים גָארְנִישְׁט".

דֶער גַבְּאַי אִיז שְׁנֶעל גֶעלָאפְן צוּם רֶבִּי'ן צוּ דֶערְצֵיילְן דִי גוּטֶע בְּשׂוֹרָה, רֶבִּי בָּרוּךְ'ל הָאט גֶעהֶערְט דִי נֵייעֶס הָאט עֶר זֵייעֶר גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער תַּלְמִיד אִיז גֶעזוּנְט גֶעוָוארְן.



דֶער גַבְּאַי זֶעט צוּ דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה אוּן ווּאוּנְדֶערְט זִיךְ וָואס גֵייט פַאר פוּן וואוּ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעווּאוּסְט אַז עֶר גֵייט גֶעזוּנְט וֶוערְן אִיז דָאס פָּשׁוּט רוּחַ הַקוֹדֶשׁ?!

דֶער הֵיילִיגֶע רֶבִּי ר' בָּרוּךְ'ל פוּן מֶעזִיבּוּז הָאט מַסְבִּיר גֶעוֶוען: "דִי פְרוֹי וָואס אִיז גֶעקוּמֶען פוּן דֶער שְׁטָאט דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁלִיחַ פוּן דִי סַמֶ"ךְ-מֶ"ם אַלֵיין וָואס הָאט מִיר גֶעוָואלְט צֶעבְּרֶעכְן מַיין אֱמוּנָה, אוּן וֶוען אִיךְ וָואלְט טַאקֶע פַארְלוֹירְן מַיין אֱמוּנָה אַז עֶר קֶען גֶעזוּנְט וֶוערְן אוּן גֶעטְרַאכְט אַז עֶס אִיז דֶערְנָאךְ, וָואלְט עֶר בֶּאֱמֶת גֶעשְׁטָארְבְּן חַס וְשָׁלוֹם. אִיךְ הָאבּ דָאס גְלַייךְ גֶעכַאפְּט אַז מֶען וִויל אַוֶועק נֶעמֶען מַיין אֱמוּנָה, אוּן אִיךְ דַארְף גְלֵייבְּן אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער וֶועט אוּן קֶען אִים אוֹיסְהֵיילְן, הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוּן גֶעבְּלִיבְּן מִיט מַיין אֱמוּנָה אוּן נִישְׁט נִתְפָּעֵל גֶעוָוארְן פוּן אִירֶע וֶוערְטֶער נָאר זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט מֶער אוּן מֶער מִיט אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה אוּן בִּטָּחוֹן, אוּן נָאר אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעבְּרֶענְגְט אַ רְפוּאָה פַאר דֶעם חָסִיד וַוייל דִי גַאנְצֶע זַאךְ אִיז נָאר גֶעוֶוען אַ נִסָּיוֹן".

פִּירְט אוֹיס מוֹהֲרָא"שׁ זֶעט מֶען פוּן דָא אַז מֶען טָאר קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְלִירְן דִי אֱמוּנָה, נָאר מֶען דַארְף וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען אַלֶעס אוּן טוּט אַלֶעס, מֶען דַארְף אִים נָאר בֶּעטְן.

**(שיחות מוהרא"ש חלק ז' ערך אמונה)**



# דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע

ק"ח

## פָּארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:

שַׁבָּת שִׁירָה, י"ג שְׁבַט, אִיז דֶער רֶבִּי נִישְׁט גֶעוֶוען אִינְדֶערְהֵיים, עֶר אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְ'ן וֶועג, אַזוֹי וִוי זַיין סֵדֶר אִיז גֶעוֶוען צוּ פָארְן אוֹיף שַׁבָּת שִׁירָה צוּ אֵיינֶע פוּן דִי שְׁטֶעט, אוּן דָארְט הָאט עֶר זָאגְט תּוֹרָה אוֹיפְ'ן פָּסוּק (שְׁמוֹת ט"ו, ה') "תְּהֹמֹת יְכַסְיֻמוּ" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ט').

דֶעמָאלְט הָאט דֶער רֶבִּי זַייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּנֶעם דַאוֶונֶען. עֶר הָאט זֵיי מְעוֹרֵר גֶעוֶוען אַז מְ'דַארְף זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ דַאוֶונֶען מִיט כַּוָונָה, אִינְזִין הָאבְּן דִי וֶוערְטֶער וָואס מְ'זָאגְט.

וֶוען עֶר הָאט גֶערֶעדְט פוּן תְּפִלָּה מִיט כַּוָונָה הָאט עֶר נִישְׁט גֶעזָאגְט מְ'זָאל אִינְזִין הָאבְּן כַּוָונוֹת פוּן אֲרִיזַ"ל, אֲפִילוּ דִי מֶענְטְשְׁן וֶועמֶען עֶר הָאט בַּאפוֹילְן לֶערְנֶען כִּתְבֵי הָאֲרִיזַ"ל, הָאט עֶר זֵיי אָבֶער נִישְׁט גֶעהֵייסְן דַאוֶונֶען מִיט דִי כַּוָונוֹת, נָאר פָּשׁוּט אִינְזִין צוּ הָאבְּן דִי טַייטְשׁ פוּן דִי וֶוערְטֶער, "בָּרוּךְ אַתָּה ה' - גֶעלוֹיבְּט בִּיסְטוּ בַּאשֶׁעפֶער", אַז דֶער מֹחַ זָאל זַיין צוּגֶעבִּינְדֶען שְׁטַארְק צוּ דִי וֶוערְטֶער וָואס מְ'זָאגְט, טְרַאכְטְן פוּן דִי פֵּירוּשׁ הַמִּילוֹת, מְ'זָאל גוּט צוּלֵייגְן דֶעם קָאפּ צוּ דִי וֶוערְטֶער וָואס מְ'זָאגְט בַּיים דַאוֶונֶען, דָאס מֵיינְט תְּפִלָּה מִיט כַּוָונָה.

דֶער רֶבִּי הָאט אָפְּגֶעלַאכְט פוּן דִי וָואס זָאגְן אַז מְ'דַארְף זִיךְ נִישְׁט פְּלָאגְן בַּיים דַאוֶונֶען, עֶר הָאט אָנְגֶעוָוארְנְט אַז מְ'זָאל יָא אַרַיינְלֵייגְן דֶעם גַאנְצְן כֹּחַ אִינֶעם דַאוֶונֶען, זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת אִינְזִין צוּ הָאבְּן דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם דַאוֶונֶען.

אִיבֶּער דִי פְרֶעמְדֶע מַחְשָׁבוֹת וָואס קוּמֶען אַרַיין אִינְמִיטְן דַאוֶונֶען, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז מְ'זָאל בִּכְלַל נִישְׁט קוּקְן דֶערוֹיף, נָאר וַוייטֶער טוּן וָואס מְ'טוּט, וַוייטֶער דַאוֶונֶען וואוּ מְ'הַאלְט, אוּן זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג מַאכְן פוּן אַלֶע זַייטִיגֶע בִּלְבּוּלִים וָואס קוּמֶען אַרַיין, בִּכְלַל נִישְׁט צוּרִיק טְרַאכְטְן פוּן דִי אַלֶע מַחְשָׁבוֹת.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט אַז מְ'קֶען נִישְׁט דַאוֶונֶען מַמָּשׁ דִי גַאנְצֶע דַאוֶונֶען פוּן אָנְהוֹיבּ בִּיזְ'ן סוֹף מִיט דִי רִיכְטִיגֶע כַּוָונָה, נָאר יֶעדֶער הָאט אִינְזִין אַן אַנְדֶערְן חֵלֶק פוּנֶעם דַאוֶונֶען, אַזוֹי וִוי מְ'זֶעט בְּחוּשׁ אַז אֵיינֶער זָאגְט קְטוֹרֶת מִיט כַּוָונָה, אַ צְוֵוייטֶער זָאגְט פְּסוּקֵי דְזִמְרָה מִיט כַּוָונָה, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט גֶעזֶען אִין כְּתָבִים פוּן רֶבִּי'ן אַ תּוֹרָה אוֹיף דֶעם, עֶר הָאט אָבֶער נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען קְלָאר צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי זַאךְ, דֶערְפַאר הָאט עֶס נִישְׁט אִיבֶּערְגֶעשְׁרִיבְּן פַארְ'ן רֶבִּי'ן. דָאס בִּיסְל וָואס עֶר הָאט גֶעדֶענְקְט פוּן דָארְט אִיז גֶעוֶוען אַז סְ'שְׁטֵייט אִין תִּיקוּנֵי זוֹהַר (תִּיקוּן י"ח) "אִית מָארֵי דְּיָדִין וְאִית מָארֵי דְּרַגְלִין" וְכוּ', וָואס דָאס אִיז דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע בְּחִינָה, אַז יֶעדֶער כַאפְּט אַן הִתְעוֹרְרוּת בַּיי אַן אַנְדֶערֶע חֵלֶק פוּנֶעם דַאוֶונֶען, אִינְזִין צוּ הָאבְּן דִי וֶוערְטֶער מִיט גְרוֹיס כַּוָונָה.

דֶערְפַאר טָאר מֶען נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן אוּן גֶעפַאלְן בַּיי זִיךְ וֶוען מְ'זֶעט אַז מְ'הָאט נָאר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען בַּיי אֵיין חֵלֶק פוּנֶעם דַאוֶונֶען אִינְזִין צוּ הָאבְּן דִי וֶוערְטֶער, אוּן נָאכְדֶעם קֶען מֶען מֶער נִישְׁט דַאוֶונֶען גֶעהֶערִיג בְּשׁוּם אוֹפָן, וַוייל אַזוֹי מוּז עֶס גֵיין. מְ'זָאל נָאר פְּרוּבִּירְן צוּ דַאוֶונֶען פוּן דָארְט אוּן וַוייטֶער פָּשׁוּטֶ'ערְהֵייט, צוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם דַאוֶונֶען.

אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס מַאכְט זִיךְ אַז מְ'פְּרוּבִּירְט אִינְזִין צוּ הָאבְּן דָאס דַאוֶונֶען אוּן עֶס גֵייט בִּכְלַל נִישְׁט, טָאר מֶען אוֹיךְ נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם, וַוייל דֶער כְּלַל אִיז אַז מְ'טָאר קֵיינְמָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעקְלַאפְּט פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, זָאל זַיין וָואס סְ'זָאל נָאר זַיין. אֲפִילוּ מְ'קֶען נִישְׁט אִינְזִין הָאבְּן קַיין אֵיין וָוארְט, זָאל מֶען זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ זָאגְן בְּלוֹיז דִי וֶוערְטֶער, אַזוֹי וִוי אַ קִינְד דַאוֶונְט אִין חֵדֶר, אַזוֹי זָאל מֶען זָאגְן וָוארְט בַּיי וָוארְט פָּשׁוּטֶ'ערְהֵייט, אוּן גֶעוֶוענְלִיךְ וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז עֶרְגֶעץ אִינְמִיטְן וֶועט דָאס הַארְץ זִיךְ עֶרְוֶועקְן, מְ'וֶועט צוּרִיק בַּאקוּמֶען אַן הִתְעוֹרְרוּת אוּן אָנְהוֹיבְּן דַאוֶונֶען וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין. דָאס דַארְף אָבֶער קוּמֶען נַאטוּרְלִיךְ, מְ'קֶען עֶס נִישְׁט שְׁטֶעלְן אוֹיף אַ פְּרָאבֶּע.

וָואס הָאט וַוייטֶער פַּאסִירְט?

לֵיינְט קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה

# קוק אהער

## ווער האט דאס געשריבן?!

איך טרעף דעם אלצוויסער און גרויסער יַדען נפלא און גראד פרעגט ער מיר צום פינטל "נא?! וואו האלטסטו?"

"נאך מנחה!" איז געווען מיין תשובה...

"יא יא איך פארשטיי, איך מיין צו פרעגן וואו לערנסטו יעצט? וואו ביסטו עוסק? אין וועלכע סוגיא?"

מיין מח ווערט מיר פארפרוירן, הממם וואו לערן איך? איך לערן איבעראל! וואס ענטפער איך אים?

ער קוקט מיר אזוי אן "נא זאג שוין..."

איך הייב אן זאגן ווי איך האלט אינעם דף גמרא, אין מיין שיעור אין ש"ס, און ביי דעם מסכתא האלט איך אין ירושלמי, און איך ענדיג יעצט נאכאמאל ששה סדרי משנה, און וואס נאך לאמיר טראכטן...

ער זאגט מיר: "אהא, אהוי, אהעם, געזאגט? געלערנט? שוין איך דארף נאר דא צולויפן א מינוט, איך וויל קויפן נאך א פושקע ציגרעטלעך..."

אההה, דער זיסער יַדען, דער וואס האט עס עכט ארויס, נישט סתם ער קען לערנען, נאר ער איז לערנען, זיין גאנצע מציאות און לייפסטייל איז אז ער איז דער גרויסער יַדען!

פארשטיין פארשטייט ער אלעס בעסער פון יעדן, פרוביר נאר צו זאגן עפעס א דעה נעבן אים וועגן סיי וואספארא נושא, וועט ער דיר צומאלן מיט זיינע ברייטע קענטעניסן און זיין געריבן מויל...

ער איז אויף בייגאכט פאר "עסקנות", מ'רופט אים פון אלע ישיבות הערן זיין דעה איבער די פרישע פירצות אין כלל ישראל, און וואס איז טאקע די עכטע וועג ווי אזוי מ'דארף עס באהאנדלען...

נאכמיטאג כאפט ער א דרימל אויפן ריקליינער און ווען ער וועקט זיך אויף עסט ער נאר אזאנע סארט עסן וואס פאסט פאר א יַדען ווי ער...

איין פאה איז אים שיין געקרייזלט און איין פאה איז אים אונטער די אויער. ער קען אפרייכערן א גאנצע ציגרעטל אין בלויז דריי ציעס

ער איז א בן בית אין קאווע שטיבל ווי ער געבט זיין טעגליכע שיעור כללי איבער פאליטיק, עקאנאמישע נייעס, און אויך אביסל חסידישע נייעס...

אין ענגליש איז דא א ווארט אינטימידעיטעד intimidated איך בין נישט זיכער וואס איז די ריכטיגע ווארט פאר דעם אין אידיש אבער ווען מ'שטייט אין ד' אמות פונעם כל בו שפירט מען דאס, מ'ווייסט שוין אז אלעס ווייסט ער בעסער, אלעס קען ער בעסער, אלעס טוט ער בעסער, ער איז דער אלצווייסער!

און איך טראכט צו מיר, פון אים כאפ איך חלישות הדעת? ער הערט אז איינער לערנט שנעל פרובירט ער צו מאכן ליצנות, און אנטלויפן פון אים שעם איך זיך? פון אים כאפ איך התפעלות?

איז וואס איז אז ער האט א פנים ווי א יַדען, און ער בלאזט ארויס מער רויעך פון זיינע לונגען ווי א קוימען...

ער איז דער גרויסער כל בו און ער לערנט נישט! לחיים... האלט דיך מיט דיין פולע שיינע אויסקוק לייפסטייל און איך וועל אריינכאפן נאך א משנה נאך א פרק.

***

פארגאנגענעם מוצאי שבת ביים יארצייט סעודה פון מוהרא"ש זי"ע בין איך געשטאנען ביים טיר, פון זאל און ס'שפאצירט אריין א פנים חדשות - א אינגערמאן וואס איך האב נאך קיינמאל נישט געזען פארדעם, און אזוי ווי דער ראש ישיבה זאגט אז ווען מ'זעט א פרישע פנים זאל מען זאגן שלום עליכם און באגריסן, מאכן שפירן באקוועם.

# דאס און יענץ מיט א טיפערע אריינבליק

**ישראל דוד העסקעל**




גיי איך צו דעם אינגערמאן און איך זאג אים "א גוטע וואך, שלום עליכם ווי אזוי הייסט איר?"

ענטפערט ער מיר זיין נאמען און זאגט מיר אז ער איז א קרוב פון מוהרא"ש זי"ע און ער פרעגט מיר גראד "דו ביסט א חלק פון די חבורה דא?" (געדענקסט נאך דעם ווארט פון פריער? אינטימידעיטעד!)

איך ענטפער אים "יא שכח אייבערשטער איך בין זייער לאקי צו קענען זיין א חלק פון קהילות היכל הקודש!"

פרעגט ער מיר גראד מיט א שטרענגע מינע "דו לערנסט דעם רבינ'ס ספרים?"

"יא!" ענטפער איך. "איך האב ב"ה א שיעור אין אלע רבינ'ס ספרים."

"אהא!" און ער שפאצירט אוועק פון מיר.

איך שטיי דארט אזוי פארגליווערט, איך טראכט אזוי צו זיך זאל איך כאפן התפעלות פון אים, כ'מיין ס'איז דאך מוהרא"ש'ס קרוב, און ער פרעגט מיר אזוי מיט א שטארקייט אויב איך לערן דער רבינ'ס ספרים, מן הסתם קען ער אלע רבינ'ס ספרים פון אויסנווייניג...

די יארצייט סעודה איז אריבער הערליך שיין ב"ה, שיינע דרשות, א פיינע פראגראם, אינטערעסאנטע מעשיות...

מו"ה לייב ראטה הי"ו דער פאנדרעיזער פון די הדפסה רופט מיר אין א זייט און זאגט מיר אז ער גייט יעצט אויסטיילן די מתנות פאר אלע וואס העלפן די קרן הדפסה - אויב איך קען אים העלפן ברענגען די אלע מתנות.

שטיי איך דארט ביים מתנות טישל, און עודך דער איז דא, דער גרויסער יחסן - מוהרא"ש'ס א קרוב, וואס קען לכאורה אלע רבינ'ס ספרים, און פרעגט מיר אזוי אויף איינע פון די מתנות "וואס איז דאס?"

ווייז איך אים אז דאס איז א צווייג וואס קומט פון העכער די קבר פון רבי טרפון, אזוי ווי ס'שטייט אין ספר המידות אז די צווייג פון העכער די קבר פון א צדיק איז מסוגל פאר קינדער.

פרעגט ער מיר "ווער האט געשריבן ספר המידות?"

זאג איך אים "דער הייליגער רבי האט עס געשריבן, און דער רבי האט עס געשריבן אלס קינד און געזאגט אז דער ספר האט אים געמאכט פאר א איד!"

דער אינגערמאנשטיק געבט א מאך ליצנות פונעם רבי'ן און שפאצירט אוועק פון מיר ב"ה.

און איך דארף כאפן התפעלות פון יעדער נאר, פון יעדן טיפש וואס פון זיין חיים ווייסט ער נישט צו זאגן, אבער ער פארמאגט א חסידישע טראגע מיט א שטרענגע פנים...

איך האב א לאטערי, איך בין די מערסטע לאקי מענטש אויף די וועלט, איך דארף זיך פאר קיינעם נישט געפעלן און קיינעם נישט פארענטפערן!

שכח אייבערשטער אז איך דריי זיך נישט ארום ווי א פארלוירענע למדן, און א אונטערגעציפטע אויבערחכם איך קען לעבן און לאכן, אנפילן מיין צייט מיט תכלית, איך האב א וועג צו דורכלערנען כל התורה כולה, איך האב א וועג צו האבן שלום בית, און איך ווייס אז ווען עפעס גייט מיר נישט ווי אזוי איך וויל קען איך לויפן גראד צום אייבערשטן!

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!**


LOOK!
WE'RE OPEN
OPEN MONDAY & THURSDAY, 12-5
CARING FOR ALL YOUR
OPTICAL NEEDS, ALL YEAR ROUND.
EYE DOCTOR
ALL YEAR ROUND
845.482.9394 | REFUAHHEALTH.ORG
36 LAUREL AVE. SOUTH FALLSBURG, NY 12779
OPTICAL AT
RefuahHealth
1885 NY-52 LIBERTY, NY 12754 | 845.482.5008

פאר די
# בעלבאס׳ע
שטוב



רעסעפי:
CINNAMON BUNDT



# פורים פארשטעלאכטס
*מ. פאפענהיים*

**ש. ח. שטעסל:**
אפענהארציגע
שמועס מיט
ח. ה. מינצבערג תחי׳

**ש. טראכטער:**
מיינע פילן

**ג. פעקעטע:**
היילונג מעטאד

יעמדו על הברכה אברכים הנדיבים

מו"ה **אברהם יהושע וועבערמאן** הי"ו
מו"ה **שבתי דוד מארקוס** הי"ו
מו"ה **ישראל מנחם ראזענבערג** הי"ו
פארן מנדב זיין

**פרנס החודש אדר**




*sruliHeskel

די זכות פון
ארויסהעלפן דעם
הייליג'ן רבין'ס
מוסדות זאל אייך
ביישטיין צו האבן
בני ברוכי, פרנסה
בשפע, געזונטע
לאנגע יארן, מיט
פול סייעתא
דשמיא.



ש. טראכטער



# איך נעם מיינע פילן

עס זאל אייך נישט באנג טון פארוואס מען רעדט פון אזעלכע פשוטע זאכן דא." זאגט דער ראש ישיבה ביי א שיעור צו אן עלטערער איד.

"איר דארפט פארשטיין, ווען א געזונטער מענטש קומט אריין אין אפטייק קען ער נישט פארשטיין וואס דא גייט פאר. צו וואס פעלט אויס די אלע מעדעצינען? ווער דארף דען די אלע זאכן?

"דער אפטייקער איז אים מסביר אז באלד קומט איינער וואס האט צוטון מיט די לעבער, און א צווייטער וואס ליידט פון הויכע בלוט דרוק, און א דריטער וואס ליידט פון קראונס און נאך און נאך, און זיי וועלן דארפן אנקומען צו די אלע מעדעצינען. איר זענט געזונט, ממילא וואונדערט אייך אויף די פילע פאליצעס פון מעדעצינען, עס קוקט אייך אפשר אויס איבעריג און איבערגעטריבן."

נו, איז אפשר א געזונטע מענטש דארף טאקע נישט גיין אין אפטייק?

נו, אפשר טאקע. אבער יעדע אחריות'דיגע מאמע ווייסט אז מען מוז גיין אין אפטייק איינקויפן די נויטיגע מעדעצינען וואס דארף זיין אין יעדע שטוב, פאר ווען מען וועט עס דארפן, נישט אויב. ווייל יעדע געזונטע מענטש שפירט זיך אמאל נישט גוט. אין הויז דארף זיין טיילענאל, מאוטרין און וויטאמין סי, אביסל שמיראכץ אויף ווען עס וועט זיך אויספעלן.

איי, יעצט איז יעדער געזונט, יעדער איז מסודר, אבער צומאל כאפט מען א פלו, א פארקילאכץ, אדער א ווירוס, און אז מען האט אין שאנק די מעדעצינען קען מען זיך שנעל ערהוילן, און אז נישט, קען דאס חלילה ווערן א פארצויגענע קרענק וואס קען זיך ענדיגן טראגיש.

...

"וואס איז טאקע די מעשה?" פרעגט מיר א חבר'טע מיט אביסל שפאס: "ווען מען קומט אן צו ברסלב ווערן פארשוואונדן אלע פראבלעמען? אלעס ווערט גלאנציג, אלעס גראדט זיך אויס? וויאזוי ארבעט עס? פלוצלינג איז יעדער

פרייליך?"

זי פרעגט דאס מיט ביטול, און א צווייטע מיט וואונדער. אבער באמת, וואס איז טאקע די מעשה?

אין איינע פון די שמועסן האט דער ראש ישיבה שליט"א אזוי שיין ארויסגעברענגט אז מוהרא"ש האט פאר אונז אנגעגרייט א "מעדעצין שאנק" וואס דארט ליגט אינעווייניג טיילענאל און מאטרין, בענעדריל און אנטיביאטיק.

ניין, עס איז נישט ריכטיג אז ווען מען קומט אן צום רבי'ן ווערן אלע פראבלעמען פארשוואונדן. נאר פשוט דער רבי גיט אונז די מעדעצין קעגן קאוויד, פיבער, פלו און RSV. עס איז פשוט אז מיר האבן די וויטאמינען וואס איינצונעמען ווען די מחלה אטאקירט.

איינע פון מיינע קרובים איז די אייגנטומערין פון א פארנומענע פארמאסי אין שטאט. זי האט זיך אמאל ארויסגעדרוקט אז ווען מען זאל וויסן וויפיל מענטשן נעמען אנטי-דיפרעסיע פילס וואלט זיך דער עולם נישט געוואוסט וואו אהינצוטון.

אין אמת'ן אריין וואלטן מיר נישט ארויסגעזען צופיל בעסער, אויב קומט מען נישט אן צום רבי'ן.

וויפיל קען א מענטש אנגיין און אנגיין און אנגיין, און נישט קראכן? עס זענען דא וואס מאכן עס ביז פופציג יאר, געוויסע ציען אן לענגער, און ביי געוויסע איז שוין פופציג אן איבערגעטריבענע נומבער. אבער איין טאג קומען גאר אסאך מענטשן אן צו נעמען "וויטאמינען" אדער "קענדיס" (בלשון נקי') זיך צו דערהאלטן און בלייבן פרייליך געזונט. ווייל וויפיל קען טאקע א מענטש?

יעדע שטיק צייט מאכט די רעגירונג א סטאטיסטיק צו זען וויפיל מענטשן זענען דעפרעסט, און ביי וועלכע עלטער די דעפרעסיע זעצט זיך אריין. מער און מער ווייזן די סטאטיסטיקס אז די יארגאנג וואס מענטשן פאלן אריין אין דיפרעסיע ווערט אלץ יונגער און יונגער.

עס זענען דא וואס ווילן דאס אנלייגן אויף די דידשיטל וועלט, אנדערע אויף די שוואוילטאג וואס ווערט מער און מער און נאך, אנדערע טענה'ן אז דאס האט צו טון מיט די "ענווייראמענט", די קעלט און די היצן אדער די עסן.

ליידער זעט מען אויך אן אויפשטייג דערפון אין די אידישע וועלט. אבער אין אמת'ן אָן די עצות פון רבי'ן וואלטן מיר נישט ארויסגעזען צופיל בעסער... ווייל וויפיל קען טאקע א מענטש?

ביי איינע פון די וועכטליכע שיעורים האט דער ראש ישיבה שליט"א אנגעהויבן מיט א שאלה, "וויאזוי מאכן עס אידישע פרויען? וויאזוי מאכן זיי עס? דא מיט די קינדער און דא דער מאן...."

וויאזוי טאקע? נאר מיט די עצות פון רבי'ן.

איין אינדערפרי האט מיר מיין מאן גערופן, איך בין געווען היבש אנגעצויגן, איינער פון די קינדער האבן קוים געכאפט די באס, א צווייטער האט פונקט נישט געכאפט די באס. דא האט א קינד גערופן פון חדר מיט געוויינען אז די ריסעס איז געבליבן אינדערהיים... בקיצור, אזא צופרי וואס מאכט זיך יעדע שטיק צייט אין געזונטע שטובער.

שפירנדיג מיין אנגעצויגנקייט האט מיר מיין מאן געגעבן א פרעג, "וואס גייט פאר?"

איך האב אים געענטפערט זייער פשוט, "איך האב נאכנישט איינגענומען היינט מיין מעדעצין."

איר וואונדערט זיך פארוואס איך שרייב עס ארויס אזוי ברבים אויפ'ן פאפיר?

איך האב דאך שוין פריער געשריבן וואס מיין משפחה מיטגליד האט געזאגט. רוב וועלט נעמט היינט עפעס איין.

איר ווילט וויסן וועלכע מעדעצין?

איינער נעמט איין פאקטישע פילן, און איך נעם איין "אמונה פילן." איך דארף זינגען צו מיר אפאר מאל, "זאל זיין אזוי... זאל זיין אזוי... זאל זיין אזוי ווי דער אייבערשטער וויל..."

צומאל דארף איך א סופלעמענט דערצו, ווייל די מעדעצין פארדייט זיך בעסער אזוי. צומאל דארף איך הערן די "חיזוק יומי" ווי דער ראש ישיבה איז מיר נאכאמאל מחזק אז "אלעס איז דער אייבערשטער." און אז "דער אייבערשטער ווארט אויף מיר איך זאל רעדן צו אים."

אט אזוי נאר נאכ'ן איינגעמען מיין מעדעצין, מיינע וויטאמינען קען איך אנהייבן מיין טאג.

...

"היכל הקודש מענטשן מאכן זיך פרייליך..." אט די "פאקט" האב איך געהערט ביי די טיש, זייענדיג אויף א שמחה.

אביסל שפעטער איז מיר אויסגעקומען צו שמועסן מיט א ווייבל וועמען איך האב פריער נישט געקענט. אינצווישן די שמועס זאגט זי מיר אז זי האט מיר שוין געזען ביי די חתונה און אויך ביי צוויי - דריי שבע ברכות און זי וויל מיר פרעגן א פערזענליכע שאלה, "וויאזוי ביסטו אלעמאל פרייליך? אלעס גייט דיר אזוי גוט?"

אזוי אינצווישן האט זי אנגעהויבן אויסגיסן איר גלות פעקל וויאזוי זי וויל זיין גוט און געזונט און וויאזוי זי וואנדערט פון איין טערעפיסט צום צווייטן (דער טערעפיסט אליין קען זיך נישט באגיין...). זי האט שוין פרובירט מעדעצין און אויל און דאך זעט זי זיך נישט ארויס.

"אויב איך זע עפעס א שינוי," זאגט זי מיט ווייטאג, "איז עס נאר אז איך ווער מער און מער פארפלאנטערט..."

זי פרעגט מיר אזוי בתוך הדברים אז זי קלערט צומאל אריין אין די מציאות פון לעבן, און זי האט אנערקענט אז איינעם איז "באשערט" צו גיין שווער, און א צווייטער האט א "גוט מזל" (אין מזל לישראל). ווייזט אויס אז אזוי גייט דאס לעבן.

"נו נו, די וועלט זאגט אז יושר איז באגראבן" פירט זי אויס מיט ווייטאג.

איך האב איר אויסגעהערט מיט ווייטאג, אבער איך האב איר געזאגט אז עס איז נישט ריכטיג איר אפשאצונג.

זי קוקט מיר אן מיט וואונדער און פרעגט מיר, "איז דען נישט אזוי? עס מוז זיין אזוי, קוק דיר אליינס אן, פארוואס ביסטו פרייליך? ווייל דו ווייסט נישט וואס מיינט א שווערע טאג."

"פארוואס טראכסטו אזוי?" וואונדער איך זיך.

זי בלייבט שטיל..

איך האב איר דאן אויסגעזאגט

"אונזער" סוד. די סוד וואס פאר וויפיל מען וועט דאס זאגן וועט עס נאך אלץ בלייבן סוד.

איך האב איר געזאגט אז עס זאל זיך נישט דאכטן אז אויף א צווייטן גייט נישט אריבער שוועריקייטן, נאר ווי דער הייליגער רבי זאגט אז בזה העולם גייט יעדער אריבער שווערע נסיונות, יעדן פראוווט מען, נאר מיט די עצה פון התבודדות, פון זיך איבערגעבן דעם טאג צום באשעפער, ווערט פשוט גרינגער.

אז מען נעמט אפאר מינוט פון "מי טיים" (צייט פאר זיך אליינס) און מען שמועסט זיך אויס מיט'ן באשעפער, ווערט מען טאקע פרייליך.

מען דאנקט אים פאר אלעס וואס מען האט, און מען בעט אים, אויף שלום בית, אויף קינדער, געזונטע קינדער, הייליגע קינדער, נשיאות חן, כח, פרנסה בניקל, נפשיות'דיגע געזונט, פחדים און סיי וואס נאך עס דרוקט, ווערט די מח לויזער.

איך האב לעצטנס געליינט אין אן עמטליכע "תורה רובריק" אן עצה פאר ישוב הדעת. אפאר מינוט אין טאג זאל מען טראכטן פון... "גארנישט...!" און לאזן די מח "לויפן פריי" דאס וועט ברענגען ישוב הדעת. דאכט זיך אז זיי האבן דאס אפילו אריינגעטייטשט אויף עפעס א וועג מיט א פסוק, אדער א מאמר חז"ל.

איך האב שיעור צעריסן די בלאט. (עס איז געווען שבת קודש...)

טראכטן פון "גארנישט" ברענגט ישוב הדעת???!!

טראכטן פון באשעפער ברענגט ישוב הדעת! טראכטן פון אלע חסדים וואס ער האט געטון מיט אונז ביז אהער מאכט מיר רואיג און פרייליך. ווען איך דערמאן זיך אין אלע יארן, יעדן טאג, יעדע שעה, יעדע רגע און איך געדענק וויפיל מאל איך האב געמיינט אז עס איז עק וועלט, און דאן האט דער אייבערשטער מיט זיין רחמנות מיר נאכאמאל געהאלפן און נאכאמאל געשטיצט און ווידער אונטערגעהאלטן, דאס מאכט מיר רואיג!

טראכט אריין וויפיל מאל דו האסט געמיינט אז דו אדער א צווייטער איז זיכער נישט געזונט, אדער ליידט פון וועך ווייסט וואס... און דער גרויסער באשעפער האט געהאלפן אז אלעס איז געווען מסודר. טראכט פון אלע חסדים און דאס וואס דיר ברענגען ישוב הדעת!

היכל הקודש מענטשן זענען באמת פרייליך! ווייל אז מען טראכט פון די גוטס וואס דער אייבערשטער טוט, און דערצו האט מען א גרייטע פארמאסי מיט אלע סארט תפילות און א שטאקע דאזע פון התבודדות, איז דען שייך נישט צו זיין פרייליך?

איך האב לעצטנס געהערט א שיעור פון דער ראש ישיבה שליט"א, ווי דער ראש ישיבה רעדט צו די בחורים וועגן התבודדות, און דער ראש ישיבה לייגט צו, צו די אלע בחורים וואס "גייען א גאנצן טאג התבודדות..." בעט זיך דער ראש ישיבה, "דיר מיין איך טאקע... גיי איין מינוט התבודדות..."

צומאל לעבן מיר אין א דמיון אז מיר גייען "א גאנצן טאג התבודדות..." אמת, אידישע מאמעס רעדן א גאנצן טאג צום אייבערשטן, מיר לעבן מיט תפילה, א שטייגער ווי, "באשעפער העלף די עסן זאל געלונגען... אייבערשטער העלף איך זאל כאפן די באס, שכח אייבערשטער.... אייבערשטער העלף איך זאל קענען שנעל באצאלן און אהיימגיין... אייבערשטער העלף מיין מאן זאל אהיימקומען צייטליך... שכח אייבערשטער...."

אבער נאכדעם איז דא א צווייטע זאך "התבודדות..."

איך האב זייער הנאה געהאט פון מרת אינדיג'ס אינטערוויו ווי זי שרייבט אז זי לעבט מיט דעם וואס דער ראש ישיבה בעט זיך כסדר 3 מינוט א טאג... א מינוט דאנקען... איין מינוט בעטן און איין מינוט איבערבעטן.

טעמו וראו... קום און זיי עס טועם, די זיסע טעם פון התבודדות, פון מאכן א "שמועס" א "סעשין" מיט'ן אייבערשטן. דערצייל אים דיינע פחדים, דיינע שאיפות, דיינע דורכפעלער, דיינע ענקזייעטיס, דיינע קאמפלעקסן, דיינע שוועריגקייטן. שמועס אויס וואס דו ווילסט אנקומען צו טון און וואס עס מאכט דיר באזארגט...

"פרוביר עס נאכאמאל... רעד צום באשעפער...."

א חבר'טע דערציילט מיר בשעת'ן האבן געשמאקע שיחות חברים אז אין א נאכמיטאג האט זי געשפירט ווי זי קען נישט מער, איר קאפ האט געשפירט ווי עס גייט זיך שפאלטן, די קינדער, די דרוק, אלעס ארום האט איר געברענגט צו א מצב ווי זי האט געשפירט "עד כאן!"

איז זי אריין אפאר מינוט צו זיך אין צימער, צו איר פריוואטע פארמאסי און זיך גוט אויסגעוויינט מיטן ניגון "בעט דעם באשעפער, טאטע מאך מיר גרינגער... בעט דעם באשעפער, כח צו די קינדער."

זי דערציילט מיר מיט עקסטאז ווי נאך די פאר מינוט איז זי ארויס פון דארט ווי א נייע מענטש. איר קאפ ווײ איז פארשוואונדן און זי האט באקומען פרישע כוחות אנצוגיין מיט איר עבודת הקודש. זי ענדיגט צו, "עס העלפט שנעלער און שטערקער ווי טיילענאל!"

אכטונג:

די מעדעצין האט סייד אפעקטס, מען ווערט זעלבסט-זיכער, מען באקומט א קלארע און שטארקע מח, מען שפירט פרייליך, מען הייבט אן קוקן פאזעטיוו אויף זיך און אויף די ארומיגע, מען באקומט כח און מען האט אפילו כח צו פרייליך מאכן אנדערע! און אסאך אסאך מער... אפגערעדט פון דעם אז זאכן הייבן זיך באמת אן רוקן און מען זעט "אפענע נסים"!

אדרבה, גלייב מיר "נישט" אויפ'ן ווארט, פרוביר עס און איבערצייג זיך אליינס, נעם איין די מעדעצין פאר א וואך, צוויי, אבער נעם עס ערליך און זאג מיר אליינס אויב דו שפירסט נישט אז עס גייט צו בעסערונג.

דאס איז א מעדעצין וואס מען מוז איינגעמען טעגליך, איינמאל א טאג, עס מאכט זיך טעג וואס מען דארף עס אמאל אפשר א צווייטע מאל... און יא, אזוויי מלחמת היצר איז א כראנישע קרענק, האט דער אפטייקער (דער הייליגער רבי) אונז פארשריבן דעם רעצעפט אויף ווילאנג מיר לעבן!

נעמט דאס איין אינאיינעם מיט תודה והודאה און זאל אייך זיין צום געזונט!

# Cinnamon Bundt

BY: S. BAUM

## INGREDIENTS:

- 7 EGGS SEPARATED
- 1 CUP OIL
- 1/2 CUP ORANGE JUICE
- 2 1/4 CUPS SUGAR
- 2 TEASPOON BAKING POWDER
- 2 CUPS FLOUR
- 1 TEASPOON VANILLA EXTRACT

## DIRECTIONS:

- MAKE A SNOW WITH EGG WHITES
- ADD THE REST OF THE INGREDIENTS AND MIX WELL.
- SPRAY WELL BUNDT PAN WITH OIL
- CONFECTION SUGAR.
- POUR BATTER INTO BUNDT.
- MIX 1 TEASPOON SUGAR WITH 2 TEASPOON CINNAMON SPRINKLE ON CAKE. MIX LIGHTLY INTO BATTER.
- BAKE 350 45 MIN TO 1 HOUR.

### GLAZE:

- DROP MORE THAN 1 CUP CONFECTION SUGAR
- 1 TEASPOON VANILLA SUGAR
- 1 1/2 TABLESPOON BOILING WATER
- 1 TABLESPOON OIL
- 1/2 TSP CINNAMON
- POUR GLAZE OVER COOLED CAKE. ENJOY!



# לאמיר שמועסן

**נאמען:** מרת ח.ה.מינצבערג.

**וואוינארט:** בית שמש.

**קינדער:** שכח אייבערשטער 8 זיסע הארציגע קינדער.

**א ניגון וואס עפנט דיר די הארץ:** רבונו של עולם איך דאנק דיר און איך לויב דיר...

**א פלאץ אדער צייט וואס דו האסט ליב צו רעדן צום אייבערשטן:** צופרי, ווען די הויז איז שטיל אוןליידיג.

**וואס גלייכסטו צו טון אין דיין ליידיגע צייט:** אויב עס וועט אמאל געשען איז שפילן אויף א פיאנע אדער א גיטאר, אבער עס פאסירט מערסטנ'ס צוויי מאל א יאר.

**דיין ציל אין לעבן:** צו פאלגן אלע שיינע עצות וואס איך הער ביי די שיעורים פון דער ראש ישיבה שליט"א.

שכח אייבערשטער אז איך האב נארוואס געבוירן א מיידל בעבי, און איך קען מיך יעצט אביסל אויסרוען אין קימפעטארן היים פאר איך גיי צוריק אהיים צו מיין פריילעכע אנגעפילטע הויז. וויל איך ענק יעצט מיטטיילן מיט א שיינע מעשה פון תפילה וואס האט זיך געצויגן זייער א לאנגע צייט, און מיט אסאך תפילות און געדולד איז עס טאקע געשען.

סוכות תשפ"ג איז מיר אויסגעקומען צו רעדן מיט מיין מאן איבער די הייליגע מוסדות אין ירושלים, די ברסלב'ע חדר, און די מיידל שולע בית פיגא. איך האב אנגעהויבן זייער שטארק צו וועלן אז מיינע קינדער זאלן אויפוואקסן אין די הייליגע מוסדות וואו די קינדער וואקסן אויף מיט אן איינגעבאקענע אמונה און שטארקע ליבשאפט צום אייבערשטן און די הייליגע תורה, און אז מען וויל אמת'דיג העלפט דער אייבערשטער.

פון דאן האב איך טאקע אנגעהויבן זייער אסאך צו בעטן דעם אייבערשטן אויף דעם, איך האב אסאך געשמועסט מיטן אייבערשטן "באשעפער עס איז ריכטיג אדער נישט? איך וואוין ווייט, ווי אזוי וועלן די קינדער פארן פון בית שמש צו ירושלים? אייבערשטער, מען מעג עס בכלל טון פאר די קינדער?" איך האב אויסגעשמועסט אלע מיינע ספיקות און מחשבות.

עס איז אנגעקומען צוויי טעג פאר ראש חודש אב, דעמאלט האבן מיר מחליט געווען אז מיר שיקן יעצט אריין די צוויי עלטסטע אינגלעך, אבער יעצט, אן צו ווארטן ביז ראש חודש. שכח אייבערשטער אז מיר האבן געטראפן א פאסיגער באגלייטער וואס פארט אויך אין די זעלבע שעות, און ער איז גרייט צו לייגן אן אויג אויף די קינדער, מיט די צייט האבן מיר אויך אריינגעשיקט אונזער קלענערע אינגל.

מיט די צייט האב איך אנגעהויבן צו זען ווי מיינע אינגלעך בליען אזוי שיין, און איך האב אזוי שטארק געוואלט אז מיינע מיידלעך זאלן אויך באקומען די חינוך, אבער עס האט מיר אויסגעזען אזאך וואס גייט נישט אזוי שנעל פאסירן, אבער איך האב יא אנגעהויבן צו בעטן דעם אייבערשטן אויף דעם.

מיט אסאך תפילות באגלייט האבן מיר ערב פסח באשלאסן אריינצושיקן אונזער 7 יעריגע מיידעלע אין בית פיגא, און געהאפט אז עס וועט זיך טאקע גוט אויסארבעטן מיט די וועגן.

נאך פסח האט דער אייבערשטער

## ש.ח. שטעסל

אזוי שיין געדרייט אז מיין מאן האט באקומען א פיינע ארבעט אין ירושלים, ער האט אנגעהויבן צו ארבעטן אין אפיס פון די מוסדות, איך האב דעמאלט געפילט ווי עס איז ממש א קוש פונעם אייבערשטן, אז דער אייבערשטער זעט ווי אונז האבן נישט געקוקט אויף גארנישט, נאר געטראכט אויף די טובה פון די קינדער, און ארייגעשיקט אין די מוסדות אין ירושלים וואו זיי וועלן אויפוואקסן ערליכע אידן כאטש עס איז געווען אזעלכע וואס האבן עס אנגעקוקט נישט מיט אזא גוטע אויג, און פון יעצט וועט מיין מאן זיי קענען טראגן מיטן אייבערשטנ'ס הילף יעדן טאג קיין ירושלים.

אזוי אז ער האט אנגעהויבן צו ארבעטן אין ירושלים האב איך שוין אויך געקענט שיקן די קלענערע קינדער מיט אים.

יעדע צופרי שטיי איך אויף זייער פרי צו קענען שיקן די קינדער קיין ירושלים, אבער דער אויפשטיין איז נישט ווי אמאל, אן קיין כח, אויסגעשעפט, נאר פארקערט איך שטיי אויף אזוי גוטמוטיג און פריילעך נאר פון טראכטן צו וואו גייען מיינע יעצט גיין.

שכח אייבערשטער, היינט צוטאגס זיצן אלע מיינע קינדער אין דעם הייליגן רבינ'ס מוסדות און וואקסן אזוי שיין, אנגעפאנצערט מיט אמונה, עס איז מיר אזא גליק צו זען ווי זיי בעטן דעם אייבערשטן יעדע זאך, און שמועסן מיט דעם אייבערשטן אינמיטן שפילן, און עס רעדט זיך דא פון קליינע קינדער ממש אומגלויבליך, יעצט ווען מיינע קינדער זענען צוטיילט דערציילט מיר מיין שוועגערין אז זי איז אזוי איבערגענומען ווייל מיין קליינער אינגל וואס איז יעצט ביי איר איז אראפגעפאלן און זיך צוקלאפט און ער רופט זיך אן "איך בין אראפ געפאלן, אבער איך ווער נישט צובראכן, איך גלייב אינעם אייבערשטן, און איך הויב זיך אויף, איך האב אמונה".

מיין שוועגערין זאגט מיר אז זי האט קיינמאל נישט געהערט א 5 יעריגער קינד זאל אזוי רעדן, וועם איז עס צו פארדאנקען? די הייליגע מוסדות. אזוי אויך בראקט מען אריין א שטארקע אמונת חכמים, אלעס דרייט זיך ארום די הייליגע תורה, דער הייליגער באשעפער, מיט די הייליגע צדיקים. און אויך די מיידעלעך העלפן מיר אזוי שיין אין שטוב מיט די שטוב ארבעט, אלע קינדער זענען אונז אזוי שיין מכבד, קינדער זענען טאקע קינדער און אמאל פאלגן זיי נישט, אבער שכח אייבערשטער אז זיי האבן זייער ליב צו העלפן.

און פאר די אלע וואס פרעגן צו איך האב נישט חרטה אויף די שריט, איך דאנק יעדן טאג דעם אייבערשטן אויף דעם אז מיינע קינדער לערנען אין היכל הקודש און האבן אזעלכע איבערגעגעבענע לערערינ'ס מיט מלמדים וואס געבן זיך אפ מיט יעדע קינד עקסטער און בויען זיי אויף אויף אלע סארט וועגן, און ערוואורטן פון יעדע קינד וואס ער קען באווייזן..

### א טיפ פאר די אידישע מאמע:

אמאל פלעג איך האבן אסאך צייט צו קאכן, אבער שכח אייבערשטער אז די משפחה ווערט גרעסער, האב איך אנגעהויבן צו ניצן פאר פלייש גרייטע Sauces\(רטבים). מען דינסט צוויבל מיט אביסל קנאבל, דערנאך לייגט מען צו די פלייש און אויף דעם אביסל רוטב\teriyaki sauce טריאקי אדער soy רוטב סויה,\sauce / barbecue saue רוטב ברביקיו, רוטב / Chili sauce צילי, און מען קאכט עס אויף א נידריגע פלאם.

- מרת מינצבערג

# ווארעמע בראַסטן



***אין קורצן פון פריער: ר' יהודה לייב מייזליק ז"ל האט געלערנט  ביי הרב ר' ברוך בער לייבאוויץ זצ"ל, עס איז דאן ארויס די גזירה אז אלע ארבעטס פעאיגע בחורים דארפן גענומען ווערן אין מיליטער. פיל בחורים פלעגן פראבירן צו באקומען א "פטור" דורך גיין צום דאקטער און שפילן "נישט נארמאל" אדער "קראנק". אויך יהודה לייב האט פראבירט דעם טאקטיק אבער ביי אים איז עס נישט געגאנגען און דער דאקטער האט אים דערקלערט "געזונט און  שטארק."***

***און יעצט לייגט ווייטער:***

אין בליענדן עלטער פון ניינצן יאר איז יהודה לייב אוועקגעריסן געווארן פון זיין ווארימע היים און באליבטע גמרא. אלע יארן פלעגט ר' יהודה לייב רעדן מיט ווייטאג פון דעם אז ער איז אוועקגעריסן געווארן פון זיין ליבער שטענדער און אריינגעווארפן געווארן אין א וועלט פון שמוץ, תאוה און גוי'שע גייסט.

פאר די קומענדיגע דריי יאר איז יהודא לייב געווען אויסגעשטעלט צו א כסדר'דיגע מלחמה לה' און איז געשטאנען גרייט טאקע ווי א געטרייע סאלדאט, אבער אינעם אייבערשטן'ס ארמיי און זיך נישט געבויגן צו די גזירות פון די צאר'ס ארמיי.

מיט העלדישע מסירת נפש (וואס פאדערט א באזונדערע באשרייבונג) און כסדר'דיגע סייעתא דשמיא האט ער זוכה געווען צו עסן כשר און היטן שבת די מערסטע וואס איז געווען שייך אונטער די אומשטענדן.

איין ביישפיל פון מסירת נפש און סייעתא דשמיא איז געווען מיט דעם וואס יהודה לייב האט זיך מיט אלע סארט עצות פראבירט ארויסצודרייען פון עסן טריפות.

לויט די געזעצן פון מיליטער האט יעדע סאלדאט



02

## ש. טראכטער

"געמוזט" עסן נבילות און טריפות כדי די גוף זאל זיין שטארק און געזונט צו קענען ריכטיג דינען אינעם צאר'ס ארמיי.

יהודה לייב האט אבער שטילערהייט געמאכט געשעפטן מיט די גוי'שע סאלדאטן און אויסגעטוישט מיט זיי די פלייש פארציע און זיי האבן אים אנשטאט דעם געגעבן זייער גרינצייג.

דאס איז געווען זייער געוואגט און איינגעשטעלט און אויב וואלט מען אים געכאפט האט געדרויעט דערויף א הארבע שטראף.

עס האט נישט גענומען לאנג און יהודה לייב האט אנגעהויבן פארלירן וואג. ער איז געווארן שוואכער און בלאסער. די אויפזעער האבן דאס באמערקט און אים אנגעהויבן נאכצוקוקן. נאך א שטיק צייט האט ער זיך פארגעשטעלט וואס דא גייט פאר אבער ער האט אים נישט געקענט כאפן ביי די מעשה. דעריבער האט ער אים געשיקט צום מיליטערישן דאקטער אז ער זאל אים אונטערזוכן.

דאס איז געווען אן ערנסטע פראבלעם, ווייל די סדר איז געווען אז אויב דער דאקטער האט געזען אז א סאלדאט איז צו שוואך האט מען אים פארשריבן א ספעציעלע "ערהוילונגס דייעטע" וואס איז באשטאנען פון א דאפעלטע פארציע טריפה פלייש, און דערצו האט ער באקומען א ספעציעלע אויפזעער וואס האט געוואכט איבער אים צו מאכן זיכער אז ער עסט עס טאקע אויף.

און אזוי האט זיך דער בחור יהודה לייב געטראפן שטיין אנטקעגן די דורכדרינגליכע אויגן פון דעם הארטן מיליטערישע דאקטער וועלכע האט אויך געהאט די שטאנד פון "גענעראל".

דער דאקטער האט אדורכגעבלעטערט די פאפירן און דאן האט ער אריינגעקוקט יהודה לייב גראד אין די אויגן און אים געפרעגט, "זאג נאר לובע. (אזוי פלעגט מען אים רופן אויף רוסיש.) וואס פעלט דיר דא? דער מיליטער צאלט אזויפיל געלט אייך צוצושטעלן א רייכע דייעטע אז איר זאלט זיין געזונט און שטארק. וואס פעלט דיר?

זיין געזיכט שטריכן זענען געווען פארדעכטיג. ער האט חושד געווען אז יהודה לייב עסט נישט געהעריג צוליב כשרות אבער ער האט זיך נישט געריכט אויף די ענטפער.

יהודה לייב האט זיך אויפגעשטעלט און סאלאטירט דעם דאקטער. "הער דאקטער." האט ער אויפריכטיג געזאגט, "דער פראבלעם איז נישט מיט וואס איך האב נישט, נאר מיט וואס איך האב יא. איך האב א אידישע גלויבן און אונזער תורה פארבאט אונז צו עסן פלייש וואס איז נישט כשר. אין מיין לעבן האב איך נישט אריינגענומען א שטיקל פלייש וואס איז נישט כשר. און אפילו איר וועט מיר צווינגען אריינצונעמען דאס פלייש אין מויל, וועט דאס נאר אנקומען ביז מיין האלז, ווייל איך וועל עס דערנאך אויסברעכן. מיין אידישע זעל קען נישט פארנעמען פלייש וואס איז נישט כשר."

מער האט יהודה לייב נישט געקענט רעדן און ער האט אויסגעשאסן אין א געוויין.

דער דאקטער איז געשטאנען געפלעפט. קיינמאל פריער האט ער נישט געזען א רוסישע סאלדאט וויינען. די רוסן זענען דאך באקאנט אלץ הארטע און שטארקע לייט און דא שטייט א בחור און וויינט ווי א קליין קינד.

נישט יהודה לייב האט געוויינט, זיין אידישע נשמה האט ארויסגעוויינט פון אים. דאס איז געווען א געוויין פון א אידיש קינד וואס בענקט צו דינען זיין טאטן, א געוויין פון א אידישע נשמה וואס וויל נישט פארלעצן אונזער הייליגע געבאטן.

דער דאקטער איז צוגעגאנגען צום טיר און עס פארמאכט. דערנאך האט ער געענדערט זיין שטומע און געזאגט, "לובע, הער אויס. עס געפעלט מיר דיין קוראזש. איך שעץ זייער דיין טרייקייט צו די תורה ווייל.... איך בין אויך א איד. איך האב געהאט אן ערליכע אידישע מאמע. זי האט מיר גערופן "דוד." איך בין שטאלץ מיט דיר אז דו האלטסט זיך שטאלץ מיט אונזער תורה, און איך וועל דיר שטילערהייט צוהעלפן אויספירן דיינע רצונות."

דער דאקטער האט דאן פארשריבן פאר די אפיצירן אז לובע מייזליק ליידט פון א קרענק אין די קושקע און עס איז א סכנה פאר אים צו עסן פלייש, ממילא זאל מען אים געבן אסאך גרינצייג צו עסן.

אזוי האט יהודה לייב געווען זוכה צו עסן כשר דורכאויס זיין גאנצע צייט אין מיליטער און אויך האט ער מיט זיין פארבינדונג צום דאקטער ארויסגעהאלפן אנדערע אידישע סאלדאטן וועלכע האבן געזוכט צו בלייבן תורה טריי און אויך פאר זיי צוגעשטעלט כשר עסן.

נאך דריי יאר פון שווערע אונטערדרוקונג ברוחניות, בגשמיות און בנפשיות איז יהודה לייב ענדליך באפרייט געווארן פון מיליטער.

*פארזעצונג קומט אי"ה*



ג. פעקעטע

# די ריכטיגע היילונג מעטאד

ס'איז דא א פרוי'קע, מערי קאנדא פון יאפאן - די גרינדערן פון די קאן-מערי מעטאד. זי לערנט אויס א וועג צו decluttering (דיקלאטערן) ארויסצונעמען פון שטוב אלע איבריגע זאכן. א מעטאד פון מינאליזירן, אויסליידיגן און מאכן מער פלאץ צו האבן איבריג ספעיס אין די קלאזעטס, און איבעראל ארום די גאנצע שטוב. זי האט אויסגעארבעט א גאנצע סיסטעם ווי אזוי מען זאל קענען דיקלאטערן.

ווי אזוי? "ארויסנעמען אלע זאכן וואס זענען איבריג אין דיין לעבן, און לאזן נאר דאס וואס איז וויכטיג צו דיר; און אין אירע ווערטער what sparks joy - ס'ברענגט אריין אין דיר א פינק פון שמחה".

כדי צו קענען טון די דיקלאטערינג סעשאן, דארף מען פונקטליך נאכפאלגן אפאר סטעפס וואס זי לערנט אויס.

אלע מבינים קומען יעצט ארויס מיט א זעקס וואכנדיגע וועג, א countdown, ווי אזוי מען קען אנקומען צו פסח גרינג און מסודר. די ערשטע וואך טוט מען אזוי, די צווייטע וואך טוט מען אזע, די דריטע וואך טוט מען אזי... פיל איך אז ס'צייט צו איבערשמועסן די געוויסע וועג, פון מסדר זיין א שטוב. מיר האלטן נאך באמת ביי די ספרינג קלינינג, ווען מען איז מסדר אלע שאפעס. עס האט גאר ווייניג מיט די מצווה פון ארויסטראגן חמץ; און אלע פרויען זענען שוין היינט מודה אז עס האט גארנישט מיט פסח'דיג מאכן. אבער דאך האט מען די שטארקע אינערליכע שטופ, אז מען שפירט אז מען מוז טון ספרינג קלינינג פאר פסח.

אז עס טרעט צום נערוון אדער מח, און עס שטרענגט אן די שטוב,

איז עס אוודאי נישט גוט צו טון פאר פסח, אוןליין נאר ווייטער פאר נייגער. אבער ביז פורים, אדער אפילו ביז חודש ניסן איז דא פרויען וואס קענען עס נאך יא טון, אן קיין שום פרעשור אדער סטרעס, ווייל עס שטערט נישט פון די אמת'ע פסח מאכן נענטער צום יו"ט וואס להלכה קערט מען ארויס די חמץ און מען רייבט אויס און קאך אלע פלעצער וואס קענען זיין אן אמת'ע מכשול פון חמץ אין די עסן.... וועל איך יא אביסל אראפלייגן די עצות ווי אזוי מען קען דיקלאטערן גרינגערהייט.

די ערשטע זאך איז: מען דארף וויסן אז אביסל איז אויך גוט, מען דארף אוועקשטעלן אביסל צייט יעדן טאג, נישט מער ווי אפאר מינוט, וואס מען ניצט די צייט נאר אויף דעם, צו דיקלאטערן - ארויסטראגן זאכן וואס דו דארפסט נישט מער האבן אין דיין שטוב, און מסדר זיין עס זאל זיין מער פלאץ.

די צווייטע זאך וואס מען דארף וויסן איז, אז ווען מען הייבט אן דיקלאטערין - מען נעמט ארויס אלע איבריגע זאכן, איז זייער אסאך מאל שווער פארן מענטש צו מאכן החלטות און וויסן פון וואס זיך צו שיידן, און וואס איז באמת יא וויכטיג צו האלטן, אדער וואס איז אן איבריגע זאך וואס שטערט פון די וואוילזיין פון מיין טאג טעגליכן לעבן.

די קורס לערנט אויס א וועג מען זאל זיך קענען גרינגערהייט אפמאכן אויב דאס איז נאך וויכטיג צום לעבן אדער נישט; מען הייבט אויף די זאך און מען טראכט, צו דאס ברענגט שמחה אין מיך? דאס ברענגט אריין אין מיר א שמחה אין מיין לעבן? אויב איז די ענטפער א קלארע יא, גייט עס גלייך צוריק אריין אין שאפע, אויב אבער דו קענסט נישט ענטפערן מיט א שטארקייט יא - דאס מאכט מיר פרייליך, אדער יא - דאס פעלט מיר אויס צו מיין לעבן, און עס ברענגט מיר א גוטע ניצן און עס מאכט מיר טון זאכן בעסער, דארפסטו עס שוין באזייטיגן אדער אויף אוועקצושיקן, אדער אוועק צו ווארפן.

וואס פאסירט ווען מען טוט דיקלאטערן ארום די שטוב, אסאך מאל טשעפעט מען זיך אן אין אלטע זאכן, און יעדע זאך האט אינטער זיך א באהאלטענע מעשה, וואס דאס באדייט צו דיר..

לאמיר זאגן דו הייבסט אויף אן אלטע ביכל וואס דו פלעגסט אין דעם ארייבשרייבן, אדער דו הייבסט אויף אן אלטע שעסל, וואס דו ניצט שוין יארן לאנג נישט, אבער עס דערמאנט דיר אז דו האסט עס אליין געניייט אין אכטע קלאס לכבוד דיין גראדואירן, ברענגט עס דיר ארויף די געפילן וואס דו האסט געפילט אין יענע צייטן - במילא איז עס שווער צו באזייטיגן, אבער באמת זיצט עס אוועקגעלייגט אין דיין בוידעם, און נעמט אויף טייערע פלאץ וואס דו קענסט ניצן אין דיין היינטיגע לייף סטייל פאר דיינע יעצטיגע געברויכן.

און ערשט דאן ווען דו רייניגסט אויס די אלע איבריגע זאכן הייבסטו אן פילן א פרייהייט. דו האסט אזויפיל מער פלאץ פאר דיין יעצטיגע לעבן, דו האסט פלאץ צו וואקסן..

מער פון די פלאץ וואס דו באקומסט, באקומסטו א קלארע מח וואס איז נישט איבערגעפילט מיט אלע איבריגע קלאטער, וואס געבן דיר גארנישט צו אין דיין לעבן, נאר נעמען אזויפיל אויף. און מיט די נייע איבריגע פלאץ, וועסטו יעצט אסאך שענער און גרינגער הנאה האבן פון דיין הויז, פון דיינע שאפעס, ווייל דו האסט יעצט די יכולת עס אנצופילן מיט זאכן וואס זענען דיר נוגע נאר יעצט, אין דיין יעצטיגע לעבן.

ווען דו שטייסט דארט, אויסגעליידיגטערהייט - זאגט די יאפאנעזער עקספערט - פילסטו אזא חירות אז עס האט זיך געלוינט די אלע שווערע טעג און שעה'ן וואס דו האסט אוועקגעגעבן זיך צו געזעגענען פון דיינע אלע אלטע זאכן, כדי דו זאלסט יעצט קענען מיט א פרישקייט לעבן א פרייע לעבן, אן דעם וואס פשוט'ע וועלטליכע זאכן זאלן דיר אזוי שטארק אפהאלטן פון הנאה האבן פון דיין פלאץ, פון דיין לעבן, און דיר מער נישט קענען האלטן געבינדן צו זיי.

מען דארף אבער האבן א שטארקע motivation, א שטארקע שטופ אנצוהאלטן בשעת'ן דיקלאטערן. זייער אפט אינמיטן פילט מען ווי מען געבט אויף, עס נעמט צופיל צייט, איך זע קוים אז עפעס זאל זיך רוקן..

קוים איין זאך אויף א מאל ווארף איך ארויס, און עס מאכט דעם מענטש זיך באגעגענען מיט אסאך געפילן, אלטע זכרונות, וואס הייבט אן מאכן דעם מענטש פילן ווי ער פארלירט א שטיקל פון זיך אליינס, אז איך וועל אוועקשיקן מיין אלטע ערשטע פאר שיך וואס מיין מאמע האט געהאט אוועקגעלייגט און מיר איבערגעגעבן, ווי זיס עס איז צו געדענקען די ערשטע פאר שיך, קענסטו שפירן ווי דו וועסט פארלירן דיין מעגליכקייט צו וואקן..

אויף דעם דארף מען האבן אסאך אסאך motivation, איינער זאל דיר שטארקן, און שטופן.

יעדע קליינע טריט וואס דו נעמסט זאל ווערן פרייליכערהייט אפגעראכטן, אז דו האסט געקענט נאך אביסל דיקלאטערן, אז דו האסט געקענט נאך אביסל אויסליידיגן דיין הויז, דיין שטוב, פון

אלע אלטע זאכן.

ווען מען ענדיגט די קורס, און מען טרעפט זיך מיט א זויבערע מסודר'דיגע שטוב, אן קיין שום איבריגס וואס זאל שטערן אין די לעבן, זעט מען אז עס האט זיך אוודאי יא געלוינט!!

***

דער הייליגער רבי איז מסדר א מענטש. דער רבי איז מסדר א מענטשנ'ס מחשבות. דער רבי איז מסדר אונזער עבר.

דער רבי האט געזאגט אז שכחה איז א מעלה, פארגעסן איז א גוטע זאך; אפילו די וועלט זאגט אז מען זאל נישט פארגעסן, און אלעמאל געדענקען די שלעכטע מעשים וואס מען האט אמאל געטון, און דורך דעם קען מען נישט שטייגן אין לעבן, ווייל מען מען קוקט צוריק וויפיל מאל מען איז שוין אראפגעפאלן און דורך דעם קען מען נישט קומען צום אייבערשטן..

דער יצר הרע, דער מלך זקן - דער אלטער קעניג - וואס וויל אונז נאר דערמאנען אלטע זאכן און אונז צוברעכן מיט דעם, וויל נישט אז מיר זאלן גיין דיקלאטערן אונזער עבר, און אנהייבן לעבן א נייע לעבן, מיט הרחבת הדעת. אבער דוקא דאס איז אונזער וועג! מיר דארפן טון די דיקלאטערן קורס.

אוועקשטעלן אביסל צייט יעדן טאג - מען דארף צוריקגיין - דורך'ן שמועסן מיט'ן אייבערשטן - צו אלע אלטע קעסטעלעך אין אונזער בוידעם, און עס ארויסווארפן.

דו האסט טראמע פון אלס קינד? מען האט דיר געלאזט אמאל אליין אינדערהיים? נעם עס ארויס, שאקל עס אויס, זאג פארן אייבערשטן וויאזוי דו האסט געפילט, און ווארף עס אוועק מיט א תפילה, בעט דעם אייבערשטן דו זאלסט מער נישט מורא האבן.

אז דו דערמאנסט זיך אן אלטע מעשה פון סקול, וואו מען פלעגט דיר אלעמאל פארשעמען, און זאגן אז דו ביסט נישט קלוג? נעם עס ארויס פון דיין בעיסמענט - עס ברענגט דיר נישט קיין שום spark of joy - קיין שמחה פאר דיין לעבן, פארקערט עס לייגט דיר נאר אן דיינע מחשבות און עס שטערט דיר פון האבן א שענערע און בעסערע לעבן. ווארף עס אוועק, זאג: "באשעפער הייל מיר אויס די פארשעמטקייט וואס איך פיל טיף אין מיין הארץ", און שיס עס אוועק..

האסט זיך אויפגעפירט ווי אזוי עס פאסט נישט? ווארף עס אוועק, ליידיג אויס דיין הארץ פון אלטע קנאה, פון אלטע שנאה, און פון אלע איבריגע ווייטאג און פיינטשאפט וואס דו שלעפסט שוין אזויפיל יאר. וויאזוי? דורך עס ארויסנעמען און האלטן א מינוט, זאגן פארן אייבערשטן "ער זאל דיר אויסריינינגן פון דעם, ער זאל דיר אויסהיילן פון דעם". דאן געב עס אוועק. לאז איבער אין דיין לעבן נאר זאכן וואס sparked joy

צומאל שפירט עס ווי מען געבט אוועק א גרויסע שטיקל פון זיך אליין, אבער ווען מען ענדיגט התבודדות, און מען טרעפט זיך מיט א זויבערע מסודר'דיגע מח און הארץ, אן קיין שום איבריגס וואס זאל שטערן פון לעבן און שטייגן, זעט מען אז עס האט זיך אוודאי יא געלוינט.

האסט אן אלטע חבר'טע וואס האלט דיר אין איין אריינזאגן, און פרעגן אויף דיין וועג אין לעבן? פארוואס דארפסטו האבן די איבריגע קלאטער אין דיין לעבן? נעם זיך ארום מיט מענטשן וואס רעדן זאכן וואס דו האסט הנאה צו הערן, פיל זיך אן דיין טאג מיט זאכן וואס ספארקן אין דיר joy, שיעורים און חבר'טעס וואס ברענגען אריין אין דיר א שמחה צום לעבן, און אלעס אנדערש שיק אוועק. הייל זיך אויס מיט דעם רבי'ן'ס ארגענייזינג קורס.

לעצטנ'ס האט איינער געפרעגט די ארגענייזער פון יאפאן אויף אן אינטערוויו ווי אזוי זי פילט היינט נאך אזויפיל יאר אלעס האבן פונקטליך אויסגערעכנט, און נאכן אוועקגעבן אלע זאכן וואס זי מוז נישט האבן יענע מינוט אויפן לעבן?

זי האט געענטפערט מיט אזא ביטול: "נע, איך טו עס שוין לאנג נישט, היינט צוטאגס האב איך שוין קינדער, איך דארף האבן א הויז וואס איז געאייגנט פאר קינדער"....

דעם רבינ'ס ארגאניזעישן, דאס גייט נישט ארויס פון סטייל, דאס קענסטו טון בשעת'ן אויפציען קינדער. דאס וועט דיר נישט פארפירן אזוי ווי אן ארגענייזער וואס רעדט און רעדט און פאלגט נישט נאך אירע אייגענע דיבורים.

צו דעם דארף מען האבן אסאך Motivation וואס רופט זיך 'חיזוק'- מען דארף הערן שיעורים, און ליינען בריוון פון אשר בנחל, עצתו אמונה, וואס לערנט אויס אז עס לוינט זיך נישט צו אנהאלטן קיין פיינטשאפט אין הארץ..

זאג ארויס אלע אלטע מעשים און בעט איבער דעם אייבערשטן, אזוי קען מען זיך ארויסזען פון אלטע שלעכטע זאכן וואס האלטן אפ פון גיין ווייטער אין לעבן. פאר יעדע שלעכטע מידה וואס מען וויל זיך אפשאקלען דארף מען אסאך גיסן תפילות אויף דעם, און צוביסלעך הייבט זיך אן זען א טויש אין די מח, אין די לעבן..

און פון יעדע קליינע טויש דארף מען זיך אזוי מחי'ה זיין און פרייליך זיין דערמיט, ווייל מען דארף טון אביסל אביסל, ביז מען פילט אן א שיסל.

# ראטעוועט



די גאנצע
עולם לויפט
ראטעווען די
קהילה'ס
קאסע!

*sruliHeskel

# $250.000

מיט אייער
הילף וועלן מיר
בעזהשי"ת
קענען טיילן
פאר אנשי
שלומינו א
פערטל מליאן
דאללער

*sruliHeskel

מ. פאפענהיים

# פורים פארשטעלאכטס



וואס גיי איך מיך פארשטעלן דאס יאר?

נאך איידער די חנוכה ליכט האבן אויסגעברענט, זענען מיינע גרויסע געווארן פארנומען מיט די מיליאן דאלער פראגע פון יעדעס יאר, בשעת'ן קוקן אויף די הייליגע חנוכה לעכט האט מען זיך דערמאנט וואס יעדער האט איז געווען פארשטעלט א יאר פריער, און וואס יעדער האט געזאגט אויף יעדנ'ס פארשטעלעכץ. און גלייך זענען זיי געקומען מיט זייערע פארלאנגען, די ערשטע מינוט איז מיר געווארן נישט גוט, פון חנוכה זיך קריגן וואס מען מעג יא און וואס נישט?

די ערשטע זאך דארף מיין אינגל זיין א סאלדאט, מיט א ריזיגער שיסער.

א --- ס - א - ל - ד - א - ט??? אינעם טריפה'נעם מיליטער??? ווען ער האט געזען מיינע שאקירטע אויגן, האט ער שוין אליין פארשטאנען אז דער ענטפער איז ניין, און ער האט זייער גוט געוואוסט פארוואס..

א פאליס אויך נישט?

חס ושלום! דו ווילסט ווערן א ציוני?

ער האט אויפגעטרייסלט פון דעם געדאנק, וואס, זיין א פאליס וואס כאפט אייער און שטיינער ביי הפגנות?

זיכער נישט! איז וואס יא?

דעמאלט וויל איך זיין א כהן גדול!

אדער א מלאך, אדער א גלח...

יא, א כהן גדול איז זייער הייליג, די קומענדיגע וואך האט זיך אלעס געדרייט ארום דעם כהן גדול, אלע דעקעס און האנטוכער אין שטוב זענען געווארן זיינע קליידער, און פון די קליקס האט ער געבויעט א חושן, און א אפוד. נאך א וואך זיך ארום שלעפן מיט אלע שמאטעס האט ער זיך בארעכנט אז ניין, א כהן גדול איז צו שווער..

בעסער צו זיין א קאנטראקטער...

די קומענדיגע טעג האט ער געבויעט און געבויעט, און געטיילט הייזער פאר וועם ער האט נאר געוואלט. איין טאג, אינמיטן פאררעכטן אונזער פענסטער, האט עס באקומען א ריזיגע שפאלט

אינמיטן בויען, און ער האט עס געמוזט שנעל פארערכטן, ווייל אינדרויסן איז אזוי קאלט... האט ער געזען א אמבולאנס אריבערפארן.

מאמי!!! א הצלה!!!!!!

איך לאז אלעס לויפן, ווער ווייסט וואס אונזער אומערפארענער קאנטראקטער האט יעצט געבויעט...

איך טרעף אים שטיין ביים פענסטער און שפרינגען פון שמחה, "איך וויל זיין א הצלה!!!"

זייער גוט! די ערשטע זאך ווערסטו מיר געבן א בארויגונג'ס איינשפריץ!

שוין, יעצט גייט זיך טון עמערדזשענסי קאלס... און הצלה רופן...

גראדע אינטערעסאנט... פורים איז דאך אזוי קליין, איין פיצי טאג וואס פליט אזוי שנעל אריבער, דערווייל כאפט ער אריין זיך צו פארשטעלן אלעס וואס גייט נישט אריינגיין אינעם הייליגן טאג.

איין טאג איז ער ארומגעשפרינגען אביסל מער ווי נארמאל, פרעג איך אים: "וואס ביסטו היינט, א פראש?"

"יא! יא! איך וויל זיין א פראש!!!" ער האט אנגעהויבן אזוי צו שפרינגען און קוואקען...

"איך פארשטיי נישט, ביסט נישט געווען יעצט א פראש?!?!"

"ניין! - ער געבט א שפרינגע ארויף אויפן בעט - איך בין געווען א קלאון! - א שפרינג אריבער אויפן צווייטן בעט - אבער א פראש איז א בעסערע עצה!!! קוואו! קרא! קוואו!!!

עס איז געגאנגען די סדרה פון וארא, און איך האב עס באקומען לעבעדיג ביי מיר אינדערהיים... גאנץ שנעל איז פון איין גרויסע פראש געווארן אסאך קליינע, א גאנצן טאג זענען אלע קינדער ארומגעשפרונגען און געקוואקעט אין קאפ.

איך האב זיך נישט אזוי דערשראקן, נאך אפאר טעג גייט ער טרעפן א בעסערע זאך, נישט אזוי? במילא גייט מען איין טאג אראפשלעפן די פארשטעלעכץ פון בוידעם, און וואס ער גייט טרעפן גייט אים זיין גוט, זאל ער שפרינגען אביסל... אבער עס גייט אריבער א וואך, צוויי, אין מצרים האט זיך שוין געענדיגט אלע מכות, די אידן זענען שוין ארויסגעגאנגען, און ער האלט נאך ביי צפרדע...

פראביר איך צו גיין ארום און ארום, "נתי, עס איז נישטא צו קויפן א פארשטעלעכטץ פון א פראש"...

"מ'קען עס באשטעלן פון טשיינע"....

ער איז נישט מוותר, "איך וויל זיין א פראש... ס'גייט זיין לעבעדיג, איך וועל אריינשפרינגען אין כתה און קוואקען, און קיינער גייט מיר נישט דערקענען... קוואו! קוואו! קוואו!"

"וואס זאל איך טון דא מיט אונזערע פרעש?? זאל איך נעמען שטעקנ'ס זיי צו פארטרייבן? ס'גייט נישט העלפן, וואס מער די מצריים האבן געשלאגן אויף זיי, אלץ מער פרעש איז געווארן... מען דארף לויפן צו משה רבינו! משה! משה! נעם אוועק די מכה פון דא!!! איך האלט עס מער נישט אויס!!!"

אלע קינדער לאכן... נתי פארשטייט נישט דעם פראבלעם. "מאמי, אלע וועלן זיין פרעש, טאטי וועט זיין משה רבינו, מאמי וועט זיין א מצרי... יעדער וועט באמת לאכן"...

וואס??? איך זאל זיין א מצרי??? אפשר פארקערט?? נע, טאטי וועט זיכער נישט וועלן...

וואס וועט זיין??? וואס גייט מען זיך פארשטעלן?

"מאמי דארף זיך פארשטעלן אויף א קעכער, נישט אויף א מצרי, ווייל מאמי קאכט אונז נאכטמאל"... פסק'נט אפ שיינדי...

"אויב אזוי וועט יעדער גלייך כאפן" - זאגט נתי - "מען דארף זיך פארשטעלן א זאך וואס איז פונקט פארקערט".

"הא, הא, דעמאלט קען א מאמע נישט זיין א קעכער, א בעקער, א ריכטער, א נורס, און אויך א שניידער'ן... ווייל זי טוט במילא די אלע זאכן..." - איז שיינדי מסכים - "איך האב א גוטע עצה! מאמי, קענסט זיך פארשטעלן אויף א טאטע! פונקט פארקערט!"

נאר דאס פעלט מיר אויס... מיין ווייב זאל מיר רופן פרעגן, ווען קומסטו שוין אהיים... בררררררררר....

"ניין, ניין, מאמי איך האב א בעסערע איידיע!" - שפרינגט זי אויף - "דו האסט נאך דיין כלה קלייד? קענסט זיין א עכטע כלה! יעדער וועט זיך דערמאנען פון דיין חתונה!"

געוואלד געשריגן!!! איך מוז שנעל אנהייבן א דייעט!!!

נתי איז נישט מסכים, אבער אונז זענען נישט געווען ביי די חתונה, נישט אינטערעסאנט. בעסער אן אנדערע זאך...

עטליכע קעפלעך קוקן אריין פון טיר, "ווער איז נישט געווען ביי די חתונה? מיר מעגן יא גיין?"

די בעבי קריכט אריין אין צימער אין צימער, "אוי וויי!!! זי איז אינגאנצן נאס!"

"יא, ווייל איך בין א מאמע!" - זאגט רבקה'לע מיט גלאנציגע אויגעלעך - "איך האב געמאכט ריין די קאך, און די בעבי האט מיר געהאלפן!"

נתי און שיינדי צולאכן זיך, "רבקה'לע האט זיך פארשטעלט ווי א מאמע! א עכטע מאמע!!!"

אויב אזוי וויל זיך זיין די בעבי... נאר צו טראכטן פון אויפרוימען די איבערגעקערטע קאך... מען דארף איבערטון די קינדער... ס'ווערט זיי נעבעך קאלט...

ווער זאגט אז איך קען נישט זיין א בעבי???

קוק ווי רואיג זי איז, איך הייב איר אויף און זי ווייסט שוין אז איר מאמע גייט איר אנטון טרוקן, און אלעס גייט זיין גוט. איך קען אויך זיין אזוי, לפחות זיך פארשטעלן ווי איך טו זיך פארלאזן אויפן אייבערשטן, און זיך לאזן פין רואיג אז די גאנצע וועלט געפינט זיך אין גוטע הענט.

אלעס איז דאך נאר א פארשטעלאכץ, מיין לעבן, מיין מאן, מיינע קינדער, מיין געזונט, מיין נעכטיגע טאג, מיין נעקסטער פורים, מיין פאריאריגער שניי, און מיין קומענדיגע זומער, דומם, צומח, חי, מדבר, אלס איז ער, אלעס איז דער אייבערשטער.

איך גיי מיך פארשטעלן ווי א בעבי, נישט נאר פורים, נאר א גאנץ יאר!

## געווינער פון חמשה עשר בשבט פארמעסט




# משנכנס
# אדר
# מרבין
# בשמחה



קינדער
פלעטל

דעם
# רבינ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה וואס דער רבי האט געזאגט פאר רבי נתן דערמאנט דיך די בילד?**

אכילה

אמונה

זולב עכים

צדיק

רכילות

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

חז"ל זאגן: אמת בלייבט, שקר פאלט אראפ.

## ברסלב'ע חידות

**ר' אברהם בן רבי נחמן פלעגט זאגן: ווען מען איז מחזק א מענטש דארף מען בעיקר אים געבן חיזוק אויף**

א. סבלנות
ב. א יו-עס-בי
ג. נישט עסן רויע צוויבל
ד. התבודדות
ה. די בארא פארק באס

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער רבי האט אמאל געזאגט פאר רבי נתן: דיין שור האט א פנים ווי א פאטש אין פנים

## געב א שמייכל

**וועלכע זאך איז א רויטע באלי אין א געלע באקס און ס'מאכט קולות?**

א באס דרייווער און התבודדות...

געברענגט צו אייך דורך: הרב אלחנן חיים רוטה שליט"א - גבאי צדקה פאר משפחות אין נויט

## א שטיקעלע ספר המדות

**אֱמוּנָה** - חלק ראשון

**מ. כְּשֶׁיָּבוֹא מָשִׁיחַ, אֲזַי כָּל הַשָּׂרִים שֶׁל מַעְלָה וְשֶׁל מַטָּה יֶחֱלוּ, אֲבָל עַכְשָׁיו כְּשֶׁיֵּשׁ עֲלֵיהֶ לְאֵיזֶה שַׂר, אֲזַי יִשְׂרָאֵל הֵם חוֹלִים.**

וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, וֶועלְן אַלֶע שָׂרִים פוּן אוֹיבְן אוּן אוּנְטְן קְרַאנְק וֶוערְן, אָבֶער יֶעצְט וֶוען אַ שַׂר וֶוערְט דֶערְהוֹיבְן, וֶוערְן אִידְן קְרַאנְק.



# שרייב טישל

## לאמיר זיך באקענען

**הייב אן אריינצופילן יעדע ליין פון אויבן ביז אונטן** (צווישן צוויי ליינס לאזט מען ליידיג)**, און שיק אריין צום בלעטל וועם דו האסט געטראפן דא!**



**ווען דו ענדיגסט קענסטו אריינשיקן א בילד פון דיר** (מאך זיכער ס'איז א קלארע בילד פון דיין פנים)**, און אפשר וועסטו זיך אליין טרעפן אינעם שפיל קומענדיגע וואך!** (דעטאלן וואו צו שיקן דאס בילד קען מען זען אויף זייט 2)



בילד פון פארגאנגענע וואך: **נחמן יואל וועבערמאן - קרית ברסלב - כתה א**

# מִשְׁפַּחַת גְלִיק

## כאפט א בליק, ביי משפחת גליק.

פּ יאריגֶע מָאל הָאט מֶען פַּארְצֵיילְט פוּן מֶענְדִי, עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעטוּן פְּלַייסִיג דִי נַאכְט קְלֵיידֶער, כְּדֵי מֶען זָאל קֶענֶען הֶערְן אַ טֶעיפּ לִיגְנְדִיג אִין בֶּעט..

יֶעצְט לֵיינְט וַוייטֶער: אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעגְרֵייט נֶעגְל וַואסֶער, גֶעקוּשְׁט דִי מְזוּזָה, גֶעלֵיינְט קְרִיעַת שְׁמַע אוּן אַרַיינְגֶעטַאנְצְט אִין בֶּעט מִיט פְרֵיידִיגֶע עֶרְוַוארְטוּנְג.

עֶנְדֶע אִיז יֶעדֶער גֶעלֶעגְן אִין בֶּעט, אוּן אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶערוּפְן:

"מַאמִי, מֶען קֶען שׁוֹין אָנְצִינְדְן דִי טֶעיפּ!"

"מַאמִי, מַא-מִי, לַא לַא, לא לַא, לַא לַא!" הָאט נָתִי גֶעזִינְגֶען.

"הַיינְט וֶועל אִיךְ אוֹיס וָואס אָנְצוּצִינְדְן! יֶעי!" הָאט הֶענְדִי גֶעשְׁפְּרִינְגֶען אוֹיפְן בֶּעט.

"נִישְׁט! הַיינְט אִיז מַיין רַייעֶ!"

"נִישְׁט, אִיךְ דַארְף אוֹיסְוֶועלְן!"

"נִישְׁט דוּ, אִיךְ!"

"אִיךְ, אִיךְ בִּין נִישְׁט מַסְכִּים!"

"לִיגְנְט, אִיךְ!"

"מַיין רַייעֶ!"

"זַיין רַייעֶ!"

"יָא!"

"נֵיין!!"

"נִישְׁט!!!"

דִי קוֹלוֹת זֶענֶען אַרוֹיף אַ טָאן אוּן מַיין מַאמֶע אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אַיינְשְׁטִילְן דִי קְרִיג.

"וָואס אִיז גֶעשֶׁען?"

"הֶענְדִי אוּן מֶענְדִי טַעֲנָה'ן זִיךְ, יֶעדֶער אֵיינֶער הַאלְט אַז עֶס אִיז זַיין רַייעֶ אוֹיס צוּ וֶועלְן אַ טֶעיפּ!" הַאט צִירִי גֶענוּמֶען דָאס וָוארְט.

"אָבֶּער מַאמִי - הַאט הֶענְדִי גֶעזָאגְט מִיט אַ בֶּעטְנְ'דִיגֶע שְׁטִימֶע - אִיךְ גֶעדֶענְק קְלָאר אַז עֶס אִיז מַיין רַייעֶ"

"אָבֶּער אִיךְ גֶעדֶענְק קְלָאר אַז עֶס אִיז מַיין רַייעֶ" - אִיךְ הָאבּ אִיבֶּערְגֶעטְרַאכְט דִי פַּארְגַאנְגֶענֶע וָואךְ: נֶעכְטְן אִיז גֶעוֶוען וֶועלְוֶועלֶע, מוֹצָאֵי שַׁבָּת הַאט מֶען נִישְׁט גֶעהֶערְט, שַׁבָּת אוֹיךְ נִישְׁט, דָאנֶערְשְׁטָאג הַאט צִירִי אוֹיסְגֶעוֶועלְט, מִיטְוָואךְ הֶענְדִי, אוּן דִינְסְטָאג אִיךְ; יֶעצְט אִיז נָאכְאַמָאל מַיין רַייעֶ.

מַיין מַאמֶע הַאט אַיינְגֶעקְנֵייטְשְׁט אִיר שְׁטֶערְן - "וֶועמֶענְ'ס רַייעֶ אִיז הַיינְט? לָאמִיר זִיךְ דֶערְמַאנֶען... אָה, אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ! הַיינְט אִיז דִי רַייעֶ פוּן הֶענְדִי. הֶענְדִי וָואס וִוילְסְטוּ מֶען זָאל הַיינְט הֶערְן?"

"דִי א-ב סִידִי!" הָאט זִי גְרָאד אוֹיסְגֶערוּפְן לוּסְטִיג.

פַּארְשְׁטֵייט זִיךְ, יֶעדְן מָאל דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ, וִויאַזוֹי וֶוערְט אִיר עֶס נִישְׁט נִמְאָס? וֶועגְן זִי לֶערְנְט יֶעצְט א-ב, דַארְף אִיךְ יֶעצְט אוֹיסְהֶערְן אַ סִידִי פוּן קְלֵיינֶע קִינְדֶער?! עֶס אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט.

בִּכְלַל, מַאמִי הַאט נִישְׁט גֶעכַאפְּט אַז דִי רַייעֶ הַאט זִיךְ פַּארְדְרֵייט פָארִיגֶע וָואךְ, גֶעוֶוענְלִיךְ אִיז טַאקֶע הֶענְדִי'ס רַייעֶ נָאךְ וֶועלְוֶועלֶע, אָבֶּער פָארִיגֶע וָואךְ הַאט זִיךְ הֶענְדִי נִישְׁט גוּט גֶעפִילְט אוּן אִיךְ הָאבּ אַיינְגֶעשְׁטִימְט אַז זִי זָאל זִיךְ טוֹישְׁן מִיט מִיר, אוּן וֶועגְן דֶעם הָאבּ אִיךְ שׁוֹין אַזוֹיפִיל צַייט נִישְׁט גֶעהַאט דִי גֶעלֶעגְנְהֵייט צוּ אוֹיסְוֶועלְן אַ סִידִי! אִיךְ בִּין גֶעוֶוען מַמָשׁ אוֹיפְגֶערֶעגְט!

"נִישְׁט, מַאמִי! עֶס אִיז מַיין רַייעֶ, וָואס עֶפֶּעס זָאל מִיר הֶענְדִי צוּנֶעמֶען מַיין רַייעֶ?!" הָאבּ אִיךְ כִּמְעַט אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ זִיךְ שְׁנֶעל אַיינְגֶעהַאלְטְן.

מֶען טָאר נִישְׁט זָאגְן פַּארְקֶערְט פוּן אַ מַאמֶע, מֶען דַארְף רֶעדְן מִיט כָּבוֹד אוּן רֶעסְפֶּעקְט.

"מַאמִי, אִיךְ מַיין, אוֹיבּ אִיךְ גֶעדֶענְק גוּט, אַז עֶס אִיז מַיין רַייעֶ הַיינְט, וַוייל גֶעוֶוענְלִיךְ אִיז הֶענְדִי'ס רַייעֶ נָאךְ וֶועלְוֶועלֶע, אָבֶּער פָארִיגֶע וָואךְ

ל. סאקס

הָאט זִיךְ פַּארְדְרֵייט דִי סֵדֶר".

"אֱמֶת, הֶענְדִי דוּ הָאסְט נִישְׁט גוּט גֶעפִילְט, אוּן מֶען הָאט גֶעטוֹישְׁט דִי רַייעֶ?"

"טַאקֶע!" - הָאט הֶענְדִי אַרָאפְּגֶעלָאזְט דִי קָאפּ - "אִיךְ הָאבּ אִינְגַאנְצְן פַּארְגֶעסְן! אַנְטְשׁוּלְדִיג".

"אִיךְ הָאבּ הַנָאָה פוּן דִיר מֶענְדִי - הָאט מַיין מַאמֶע גֶעזָאגְט מִיט אַ נַחַת שְׁמֵייכְל - דוּ הָאסְט עֶס גֶעזָאגְט מִיט אַזַא רוּאִיגְקֵייט אוּן דֶרֶךְ אֶרֶץ, מַמָשׁ וִוי אַן עֶרְוַואקְסֶענֶער אִינְגְל".

אוּן אוֹיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט הַנָאָה צוּ זֶען וִוי זַיינֶע קִינְדֶער: טְרַאכְטְן פַּאר מֶען רֶעדְט, מֶען שְׁטַארְקְט זִיךְ, מֶען הַאלְט זִיךְ אַיין, אוּן מֶען רֶעדְט צוּ דִי עֶלְטֶערְן וִוי עֶס פַּאסְט פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען בַּיים בַּארְג סִינָי אוּן גֶעהֶערְט אוֹיסְרוּפְן "כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ וְאֶת אִמֶּךָ לְמַעַן יַאֲרוּכִין יָמֶיךָ!!!"

אי"ה קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ וֶועל אִיךְ אַייךְ דֶערְצֵיילְן וַוייטֶער.



# קליין און פיין



חי' אסתי איידליס און נחמן נתן
פרידריך בויען פיתום און רעמסס



אלעזר ישעי' און
שלום פריעדמאן



שרי לב



עליזה מזרחי




בית פייגא ירושלים



נפתלי און מרדכי העסקעל



אליעזר שלמה און
נחמן יואל וועבערמאן



יוסי לונגער



אליעזר שלמה שטראססער



חי אסתי און רחל
יאקאבאוויטש




שרי אינדיג

שיקט אריין אייער אייגן געמאכטע קונצווערק צו:
845.379.1161
BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM


משפחת מזרחי פרשת משפטים


שרי פריינד


פייגי עקשטיין


פ. שטראססער


חני אפפעל


נפתלי און מרדכי העסקעל


נחמן און מענדי יאקאבאוויטש


נפתלי און מרדכי העסקעל


מרדכי'לע אינדיג


יושע שטיינבערג


נחמן נתן איידליס


מענדי יאקאבאוויטש


אליעזר שלמה לעוו


בייניש שארף




א אינגל איז אמאל געקומען שפעט אין חדר, ווען דער מלמד האט אים געפרעגט וואס גייט פאר איז זיין ענטפער געווען: "איך האב אנגעהויבן וואקן אין חדר אבער מיין פיס האט מיר אנגעהויבן געפערליך צו ווייטון, עד כדי כך אז יעדע טריט וואס איך האב געוואלט וואקן בין איך צוריקגעפאלן צוויי!"... פרעגט דער מלמד צוריק דעם באמבע קשיא: "דעמאלטס וויאזוי ביסטו אנגעקומען אין חדר?" זאגט ער: אינמיטן ווען האב איך אפגעמאכט: 'איך קען מער נישט, איך דריי מיך ארום און איך גיי צוריק אהיים'"...

דער ריכטער רופט זיך אן צום באשילדיגטן: "מ'האט דיר אהערגערופן פארן טרינקען", זאגט ער: "נו, איך בין גרייט, ווען הייבט מען אן?..."

דער לוה קומט צום מלוה זאגט: "האסט מיר געבארגט א מיליאן דאלער, זיי מיר מוחל דעם חוב", דער מלוה געבט א שפרינג אויף: "מוחל זיין א מיליאן דאלער?" ענטפערט ער: "נא... נישט אויף איינמאל, צוביסליך!..."

די מאס פון שלאף וואס א דורכשניטליכער בחור דארף איז "נאך פינף מינוט"...

א איד'ס קאר האט אמאל אריינגעזעצט אין א שחור'ס אויטא, ווען דער איד האט געזען אז ער האט ערנסט אריינגעשמעטערט אינעם גוי'ס קאר אין ס'האט אזא ריזיגע דענט אויף אריין איז אים איינגעפאלן א גלעצנדע בייפאל, ער זאגט פארן גוי: "אויב דו ווילסט ס'זאל פאררעכטן ווערן, פון אונטן פונעם קאר איז דא אזא לאנגע מאפלער, בלאז שטארק אריין דארטן און די קאר וועט צוריק גראד ווערן"...

בשעת וואס דער גוי פריידט זיך אז ער האט אריינגעזעצט אין אזא געטרייע אידל איז דער איד שנעל נעלם געווארן. דער גוי'ס חבר איז אריבערגעפארן דעם סצענע און דער גוי רעדט זיך אויס צו אים אז די אריינבלאזן עצה ארבעט נישט, זאגט אים זיין חבר: "דו נאר... די האסט נישט וואס אריינצובלאזן, די פענסטער איז אפן און אלע לופט גייט ארויס"...

א בחור'ל איז אמאל געקומען צו זיין טעראפיסט זיך אויסרעדן אז ס'פעלט אים זעלבסט זיכערקייט, זאגט אים דער טעראפיסט: "איך ווייס פארוואס ס'פעלט דיך זעלבסט זיכערקייט, ווייל דו ביסט זיכער די עלטסטע אין די משפחה און דיינע עלטערן זענען געווען צו שטרענג", זאגט דער בחור: "ניין, איך בין נישט די עלטסטע", "אה, דעמאלטס מוז זיין אז דו ביסט די אינגסטע פון די משפחה און מ'האט דיך געצערטלט און אלעס נאכגעגעבן, אמת?", "גראדע נישט, איך בין אויך נישט די אינגסטע" האט דער בחור געענטפערט, "אה, איך האב עס! - זאגט דער טעראפיסט - דו ביסט פונקט די מיטלסטע פון די משפחה, נישט די עלטסטע און נישט די אינגסטע, און מ'האט פשוט נישט געקוקט אויף דיר!" ענטפערט דער בחור, "גראדע נישט, איך בין נישט די מיטלסטע", זאגט אים דער טעראפיסט: "קוק אהער, אז דו ווילסט דיך נישט לאזן העלפן קענסטו נישט געהיילט ווערן!"...

# קלאסיפיידס

**מזל טוב!**

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר אונזער חשובער

**ראש ישיבה שליט"א**

**וזוגתו אסתר גיטל תחי'**

און פארן חשובן מנהל

**מו"ה אברהם משה שטראססער שליט"א**

**וזוגתו עלקא תחי'**

**צו די געבורט פון אן אייניקל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען נחת פון אלע קינדער און אייניקלער געזונטערהייט.

**מזל טוב!**

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה ברוך יאקאבאוויטש הי"ו**

**וזוגתו האדיא תחי'**

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

**מזל טוב!**

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה שמעון רוטה הי"ו**

**וזוגתו לאה תחי'**

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

**Deadline to advertise Sunday 12:00**

dominogrp.com

ב"ה

ראש חודש
אדר שנת
תשפ"ה לפ"ק

## מרישא ועד גמירא

פלאטפארמע מיטצוהאלטן פארשריט פון ספרי ראש הישיבה שליט"א, ארויסגעגעבן דורך מכון עצתו אמונה

| ליקוטי מוהר"ן<br>תורה ז | עצתו אמונה<br>חלק א' | איש אמונות<br>תש"פ חלק א' |
|---|---|---|
| 1 ערשטע פאזע:<br>הגהה וניקוד | 3 דריטע פאזע:<br>הגהה<br>עודדי! | 4 פערטע פאזע:<br>דרוקן |

מ'קען שוין איינהאנדלען א זכות דורך אונזער מטבע אקאונט: 00124222790
ווי אויך דורך אונזער אור-דזשעי-סי אקאונט: 10505

האנדלט אייך איין א זכות אינעם ספר וואס וועט מחי' זיין און מחזק זיין טויזנטער אידישע קינדער צו עבודת ה',
רופט שוין: ר' ישעי' איידליס הי"ו: 347.831.1391 / ר' שמואל אייכנשטיין הי"ו: 917.589.3382

# געשעענישן

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב





**יארצייט סעודה פון מוהרא"ש זי"ע אין היכל הקודש בני ברק**



**יארצייט סעודה פון מוהרא"ש זי"ע אין היכל הקודש בית שמש רמה ד'**



**יארצייט סעודה פון מוהרא"ש זי"ע אין היכל הקודש בראכפעלד**

קרעדיט: אייזיק ראטה, יוסי פרערויא, איציק מענדעלאוויטש,שמעון פארטוגל, לייבי ראטה, גדלי' בעלער, יעקב סאמעט





**יארצייט סעודה פון מוהרא"ש זי"ע אינאיינעם מיטן מסיבה לטובת קרן הדפסה - מוצש"ק יתרו תשפ"ה**



**דער יושב ראש מו"ה זושא פריעדמאן הי"ו ביים אויפטרעטן**



**מנהל בית הדפוס מו"ה אשר יעקב בלום הי"ו ביים אויפטרעטן**




**דער גבאי צדקה מו"ה לייבי ראטה הי"ו ביים אויפטרעטן**





בעלי מנגנים זענען מהנה דעם עולם



אינהאלטסרייכע שמועס צווישן מו"ה שאול חיים
איינהארן הי"ו און מו"ה מנשה איצקאוויטש הי"ו



דער ציבור ביים מעמד




דער ראש ישיבה שליט"א ביים אויפטרעטן